STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02247

KUMARNER PARSHOYNEN

Kalman Heisler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. גאָרדין
אַ גוטער
פון הייזל
1932.
נ. יאָרק.

קאַלמען הייזלער

קומאַרנער פאַרשוינעז

פאַרלאַג גאַליציע
ניו יאָרק, 1930

לילי‏ען סי. סיגל

צענויפגעהעפט, געמישט צעמענט —
קלאָרע פיס און הענט;
יידישע שוועסטער און ברידער —
אַ שפּאָגל-נייער סידער.

KYMARNER PARSHOINEN
Copyright by
KALMAN HEISLER
1930
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

פון זעלבן מעכאבער:
„מענטשן" (פּאָעזיע), 1927

קומארנע

שטעטל קומאַרנע,
גרויס ווי א קייווער ;
פיר איילן די לענג
צוויי איילן די ברייט :
און היינט ביזט מיר ווייט,
העט־ווייט אין די חייכן,
מיטן האַנט צו דאגרייכן,
מיט מיין פוס צו דאשלייכן.

אָבער דאָס אויג אין קאָפּ —
דאָס אויג אין קאָפּ —
קוקט ארויף, קוקט אראָפּ.
ק—ו—מאר—נע
פיר איילן די לענג,
צוויי איילן די ברייט,
מיין פיצל לעבן
מיין גרויסע פרייד.

מאיר וואסערטרעגער — מאיר שאַמעס

די זיידענע צעלעכערט פאסמאַליעוועטע בעקעשע
מיט דעם וואָלענעם גארטל צו די קריזשעם ארויפגעהאָלעט ,
ארום באָרד און פייעס סטאָמפּאליעם אָנגעהאָנגענע
בליסטשענדיק גליטשן זיך פון יעדער האָר אראָפּ.
גייט אזוי מאיר וואסערטרעגער פונם פאַרקאָוועטן טייך
מיט פולע קאַנען וואסער אויף קראָמעסלעם אָנגעהאנגען,
פון קוימענס א שוואַרצער רויך, פייער שפּריצלאַך איבער דעכער.
שלאָגט א פּאַרע פון מאירס מויל ארויס ;
מאיר טרעדלט זיך באַרג אַרויף אין מיטן מאַרק אריין.
מאיר וואַסערטרעגער פארגייט זיך אין אַ געזאַנג :

ארנן במעשי ידיך,
במעשי ידיך ארנן.
א־ר־נ־ן, א־ר־נ־ן.
אוי
במעשי ידיך א־ר־נ־ן...

גאָט מוז מען דינען,
דינען און דינען,
נ־אָ־ר מיט נאַכעס ;
הגואל ממות ופודה משחת״.

קאַפּעט טראָפּנס וואסער פון די קאַנען,
רעגנט אוים א שליאַך — ווערט פארפרוירן
קאַפּען אזוי טראָפּנס לויבגעזאַנג מיט טראָפּנס וואסער,
פרירט אוים באַרג ארויף א שליאַך אינמיטנמארקאריין..

2

אז דער אייבערשטער — (דער וואָס כבין נישט ווערט אָנצעריפן)
האָט שוין אליין דאָס נישט געקענט צוזען ;

ווייל פאַר מאירן איז בעסער צו דינען, גאָט צו דינען.
זאָל דאָס זיין ליבנאָמען נישט פאַרעכענען פאַר זינד,
איז דאָס כאָלילע נישט קיין פרייד אַף יענעמס טויט.
מזאָל וואַרפן די שווערע מישעמאָדים פון די אַקסלען,
מזאָל קאָנען מיטן גאַנצן לייבלעבן גאָט דינען
אַז דער באַשעפער האָט געהאָלפן.

רעב זישע דער גרייזגראָער, באַקאָוועדיקער שולשאַמעס,
איז צו ניינציק יאָר — ווי מוישע ראַביינו אוועקגעגאַנגען.
האָבן די שיינע שטאָטבאַלעבאַטים באַפוילן — אַזוי צו זאָגן:

מאיר וואַסערטרעגער איז אַן ערליכער ייד,
מאיר האָט קאָל יאָמאָוו ערלאַך געהאַלטן,
רעב זישען מעקאַרעב געווען;
רעב זישעס נעשאָמע איז איבערגעענפערט געוואָרן,
זאָל פון היינטמאָל אָן הייסן מאיר — מאיר שאַמעס...

3

דערזעט זיך מאיר אין דער געשטאַלט פון אַ גאָטדינער.
לאָזט ער די פּייעס לענגער ביזן האַלזנאַקן וואַקסן,
און די קעמאַטע ניי־גאַנצע בעקעשע אינדערוואָכנטאָג;
קיינמאָל נישט ווי פריער זי צום גאַרטל אַרויפגעהאַלעט.
די יאָרצייטלאָמפּן צו דער רעגע אויסגערעכנט, אויפגעשטעלט.
די מייסעם היט ער אָפּ ווי אַן אייגן אויג אין קאָפּ,
רפרעגט זיך אַפילע נישט אָן פריער באַ די יאָרשים
צי זאָל ער אָנצינען, דער נעשאָמע ליכטיג זיין אין גאַנאיידן?
האָט מאיר מיט דער מיצווע זיך שטאַרק מעקאַנע געווען...

4

בלייבט מאיר שאַמעס מאָנטאָג נאָך „קריאת התורה“ אַליין אין שול,
פונם יאָרצייטקעסטל רויכעט, רייסן זיך פלעמלאַך —

פינף

אין דער גרויער גרויסער שול אריין.
זעט מאיר ווי די נעשאָמעס רייסן זיך
נעבעך זינדיקע, נאָך אַ טיקן.
האָט מאיר זיך דאָס פּאָנעם פאַרשטעלט,
דאָס האַרץ האָט עפּעס ווי אַ זאָג געטאָן:
אַט, אַ שאָס האַקוישער, די רעכטע צייט —
בעט, און דו מאיר וועסט געהאָלפן ווערן...

מאירס ווייב איז אַן אַקאָרע,
האָט קיין קאָדעש נישט זוכע געווען צו כאַווען.

איז מאיר באַם ריינעם סייכל און פאַרשטייט
ציטערדיק־פּאַוואָליע קומט זיין קאָל אין שול אריין:
העלף טאַטע־פאָטער, העלף...
איז מיר אָנגעצייכנט אוועקצוגיין אָן קינדער?
זאָל איך כאָטש זוכע זיין מיט מיינע אייגענע הענט
צו טראָגן אַ ריינקייט איבערן מאַרק מיט אַן איידע יידן,
מיט געזאַנג און טאַנץ אין שול אריין.

מאיר צעטרעדלט זיך און פאַרגייט אין אַ געזאַנג:
ווייל גאָט מיז מע דינען,
דינען און דינען...

5

אַ טונקלער שאָטן האָט צוגעדעקט דאָס שטעטל פריימיק פאַרענאַכט,
האָט מאיר זיך מיסכאַוון געווען;
זאָל אַ ייד נישט האָבן כאָלילע טויע געווען,
זאָל אַ ייד נישט האָבן מאירן מעכאַלע שאַבעס געווען.
האָט ער באַ אַלע געוועלבן זיך אָפּגעשטעלט:
ייִדן, נו — שאַבעס, שאַבעס — באַלד שאַבעס.
גרעסער פון אַלע מיצוועס, די מיצווע:
— סרופן אין שול אריין.

גייט שוין מאיר פון ווילעצע ביז ווילעצע
שפּאַרט אונטער דאָס אויער און רופט אָפּן קאָל:
גייטס אין שול אַ־ר־יי־ן...

6

ווידער אַן ערעבשאַבעס, אַ פּרייטיק פאַרנאַכט;
די גאַנצע שטאָט — — —
איין שטיק פייער — שטעכט אין דער הויך אַרויף,
סגייט דעם הימל לעכערן.
קאָזאַקן אויף פערד שטעכן פּיקעס אין יידישע מיילער אריין.
אין סאַמע טראַסק, אין סאַמע מיטנדארינען,
מאיר וואַסערטרעגער, מאיר שאַמעס —
שטעלט ער זיך קאַלישנע אַנידער באַרגאַרויף אין מאַרק
(ווייל די ווילעצעס קען מע שוין נישט דערקענען)
נעמט זאָגן יאָמקיפּערדיק מיט געזאַנג:

גייטס אין שוהלאַ־ר־יי־ן.
גאָט מוז מע דינען,
דינען און דינען...

8

ווידער אַ גוטמאָרגן, סגייט אויף די זון.
דאָס פייער קנאַקט און טראָגט זיך; —
גלייך און הויך אַזוי ווי אַ טורעם.
אין שטאָט האָט די יעלאָלע געגומען איינשטילן,
אפילע די קרעכצן וואָס האָבן זיך פון כורוועס אפירגעריסן —
האָט קנאַקעריי פון פייערן און בייזע ווינטן דאָס אריבערגעשריגן.

איז קיינער אין שטאָט שוין נישטאָ.

זיבן

אייביקע קאַליקעס און די מיט צעשאָסענע פּיס
האָבן אַף קוליעס זיך ערגעץ ווייט אַריבערגעדזשוויגעט.

איז מאיר שאַמעס פּלוצים אויסגעוואַקסן,
דאָ — פון פייער אַרומגערינגלט,
באַשיינפּערלאַך ווי ער וואַקסט און וואַקסט
— — — — גלייך מיט דעם פייער־הויך־אַרויף, —
די האַנט צום אויער אונטערגעשפּאַרט,
שרייט מאיר אַריבער ווינט און פייערגעקנאַק:
„גאָט מוז מע דינען,
דינען און דינען,
נישט נאָר אין נאַכעס —;
הגואל ממות ופודה משחת.

6

אַ שטאָט — אַ געוועזענע.
איצט, בערגלאַך גרינבאַגראָזטע.
וואו סאיז געשטאַנען די הייליקע שול —
פּאַשעט איצט דעם סוסולאָווער מעלאַמעדס ווייסע ציג
און גלעט מיט איר שוואַרצער באָרד די טיפע גראָזן.
זיצט איינגעקאָרטשעט דער לאַנגער מאיר אַף אַ שטיין
אַף א הייליקן שטיין, פון אַ הייליקער שול,
שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו דער ווייסער ניטשולדיגער ציג:
„ א יאָ!
הייליקע ציג — אַף הייליקער ערד,
גאָט מוז מען דינען,
דינען און דינען.

10

באָרוועסע קינדער אַ כאָפּטע;

[redacted]
לויפן נאָך דעם מאיר וואסערטרעגער — מאיר שאמעס.
ער, שטעלט זיך אנידער בא יעדער שטוב:

„אַ יאָ???????
סמאַרקאַטע קינדער מיט פאַרוואָרלייזטע קעפּלאַך,
ארנן במעשי ידיך.
במעשי ידיך ערנן.
ווייל גאָט מוז מע דינען,
דינען און דינען...

קומט אָן דער באָדגוי, דער קרומער מיכאל,
דער גוי בעט זיך און ער רעדט:
קינדער, יידישע קינדער
טשאַטעוועט נישט.
בעט בעסער אייער גאָט
איר זאָלט נישט מעשוגע ווערן
ווי מאַיאָרקע דער בידנער איז געוואָרן....

אַלטער רעב לאָזערם

אז בא ניינציג יאָר האָט אַלטער רעב לאָזערם די שמיע פארלוירן,
האָבן די שול באַלעבאַטים א בעשעדע געהאַלטן און אָפּגעסיימט:
שטייטש, א הימלגעשריי, א באַלמום. מעוואיעש זיין דעם אָמעד?
די באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן ארומאַמפּערן צווישן זיך;
ס'אי נישט גרינג קומען צו גיין און זאָגן: אַלטער רעב לאָזערם
היינט, נאָך זעכציג יאָר — — — אוים כאַזן...

אַלטער רעב לאָזערם איז נישט קיין מענאַגן,
אָבער אַלטער רעב לאָזערם איז אַ זאָגער.
זעכציג גאַנץ גייענדיגע יאָר
האָט זיין גיבוירעש קאָל אָפּגעקלונגען דאָ אין דער גרויסער שול.
גאַנצע זעכציג שטיק יאָר.
„את הקיסר פראַנץ יאָזעף הראשון ירום הודו".
האָט ער דאָס געזאָגט מיט האַרץ.
האָט ער דאָג געזאָגט מיט געפיל.
האָט ער דאָס געזאָגט מיט קאָל,
געטרעלדלט און ארויפגעגאַנגען העכער, העכער:
ואת הקיסרן ע־ל־י־ז־אַ־ב־עט.

אלע ווינקעלעך אין דער שול זענען פול געוואָרן מיט מעסיקעס,
מיטן זאָגן.
אלטע רעב לאָזערם האָט ליב געהאַט — אַהאַוואַס נעפעש די שול,
דעם אָמעד, דעם „רועה ישראל" האַקייזער פראַנץ יאָזעף האָרישוין,
דער אייבערשטער, דער וואָס כבין נישט ווערט אָנצורופן,
זאָל זיינע יאָרן באַנייען, ר'זאָל דערלעבן מעשיאַכן אנקעגן גיין.

האָט דער ראָוו קוים מיט צאָרעס מאַסקים געווען,
— לענגער האָט מען נישט געקענט שוין וואַרטן,
— דאָ קומען אָן די הייליקע טעג.

האָט דער געבויגענער זישע שאַמעס דעם שטאָטכאַזן
איינמאָל אין שטיבל אריין צום ראָוו גערופן,
און ווי ער, זאָלעבן דער ראָוו, דער צאַדיק,
האָט אַלטער רעב לאָזערסן אין אויער אריינגערוימט,
— אים מוידיע געווען;
איז אלטער רעם לאָזערס אוועק זיין וועג
און אפילע א גוטן טאָג נישט געענטפערט.

און אינדערפרי האָט לעזער פוסקעס דער כעוורע מאַן
דעם ראָוו אויפן לאָדן אָנגעקלאַפט:
„רעב אַלטער, רעב לאָזערס — שוין „ברוך דין אמת“.

עלף

לעקאַך שטרודלער

זשו־מט אַ פליג איבערן שטעטל,
סאיז שניטצייט באַם יאָוון אין דאָרף.
זעטן אין די געוועלבן קיין הונד נישט אריין;
ווי אַ בלינדער זעט נישט די שיין...

ראַשט אויף און וועקט אַ פור אין מיטנמאַרק,
אַ שטויב הייבט זיך אויף ווי אַ וואָלקן רויך.
אין אַ גלאַנציקן קיסטאַנד אין מאַרק קרומקיילעכיק
וואַקלט זיך דער בראָדער זינגער לעקאַך שטרודלער,
מיט אים צאָניע פרעסער דער בערנטרייבער,
באַ דער אפּטייג און באַם ראָטהויז —
דראפּעט זיך צאָניע אויף דער מויער ארויף, —
און פארקלעבט בלאָ־ווייס אַ האַלבע וואַנט איינגאַנצן.

איילן קופּעס יידן זען דאָס בייזע וואונדער,
קומטן אָנצולויפן ווי „להבדל" צו אַ רעבן.
קרעכצן אַלטע יידענעס און סיימען:
האָסטו דיר אַ ניי אָנשיקעניש אויף יידן.
יונגערמאַנטשיקעס קאַיען די בערדלאַך און פשעטלען:
מיין — ווי פאַר גאָט — —
זאָל מען זיך פאָרכטן פאַר מענטשנס מיילער.
איז טאַקע קרום אהין צוצעגיין,
איז נישט רעכט צום קאָמעדיאַנט אריינצעגיין.

מיטן גראָבן פינגער, מיט אַ דריי — לייענען זיי:

יידדיש דעוטשעס טעאַטער
געזענגע אונד טענצע
העוטע אבענד: — —
אָפּפער דעם אי־זאַק
„עקדת — — — — יצחק"

געזעגנגע
פֿאַן הערדן דערעקטאַר
לעקאַך שטרודלער — — —;
פיר די רייכע קלאַסע.
פיר די געמיינע קלאַסע.

2

אין דער פינסטערניש וואָס האָט אַ שטאָט איינגעדעקט,
האָבן שוין די באַטיארעס מיר און טויער באַלאַגערט —
נעבעלע מירעלעם איינפאָרהויז.
די שפּילשאַפע באַמקעט טאַנצענדיקע לידלאַך ארוים,
רויטע טערקישע שאַלן די פענצטער פאַרהאָנגען.
און מארצואוקעם פלאַנדערעווען, שארן זייערע טריט
ווערט אזא געשמונצעריי מיט די פאַצעטן.

אינוויינינג אין שענק איז אַ טעאַטער צענויפגעקלאַפּט,
אויף דער בינע שטאַרט לעקאַך שטרודלער,
און אויף לעקאַך שטרודלערס פּאָנים —
איז גאַנצע זשמעניעס מעל אָנגעלייגט,
מיף אין די פאַלדן איינגעקנייטשט. . .
און דאָס מויל צום זינגען אַז סע עפנט זיך,
לעקאַך שטרודלערס מויל אַז סע עפנט זיך;
אוי־וויי, נישטאָ אַ צאָן אין מויל,
(מיט די פּניאַקעס אויסגעריבן)
און דאָס מויל צום זינגען — אזסע עפנט זיך,
איז דאָס ווי א טויטנקאַסטן, א ליידיקער.

אז דאָס מויל צום זינגען און סע עפנט זיך,
איז ווי א גרוב אייגנס אַן אויסגעגראָבענער.

קנאַקט לעקאַך שטרודלער מיט אַ פינגערל,
טאָפּטשעט דעם פוס, א קנאַק צו דער ערד:

„צי בין עך דען געקימען קאַן קומארנע

איר זאָלט פון מיר ל—א—כ—ען
איר זאָלט פון מיר כוויזיק מאַ—כ—ען !
צי בין עך דען געקומען קיין קומאַרנע ?
עך בין דאָך נור געקימען געלד פאַרדינען,
אז איר וועט קימען קיין לעמבעריק —
וועל עך אך אָפּדינען.
קימט איר נור קיין לעמבעריק —
וועל עך אך אָפּדינען. . . .

משה בער גורינעס,
יידל הערש קאָניך —
ארנשימען דער אַלטער שיקסעניק
און זיינע „בנים" זעקס :
הויבן זיך פון די בענק אָפּיר.
הייבט זיך אָן א שלעפּעניש
זילבער רייניש פון גלייכע קעשענעס.
קלינגט אָפּ אין שטרודלערס וויסן טעלער אריין.

לעקאָך שטרודלער צעברעכט דאָס פּאָנים,
גראַימט זיך נאָך שטאַרקער, נאָך העכער :
„קומט איר נור קיין לעמבעריק —
וועל עך אַך אָפּדינען.
אז איר וועט קימען קאָן לעמבעריק —
וועל עך אך אָפּדינען. . . .

3

וואַרט איך און האָף, איך וועל אונטערוואַקסן,
שוין אָנהויבן „תפילין" צו לייגן.
וועט מען פאָרן זען לעמבעריק,
גאַנץ לעמבעריק, לעקאָך שטרודלערס לעמבעריק.

4

בין איך שוין א כאָסנבאָכער א דרייצניאָריקער,
א לאַנג באַלעבאַטישע שיבקע פון גראָ וואָלגאַרן —

אריבער מיינע שמאָל־גלאַנציקע באַלעוועס.
א סטאַטעטשן שווארץ שניפּסל אונטערן ווייכן קראגן,
ווייס איך און פארשטיי — — —
אז סטוט מיר ווי, א צאָן, א באַקצאָן טוט מיר ווי.
די מאַמע וויל מיר א טיכל ארומבינדן.
די באָבע (אין גאַניידן) וויל דעם צאָן פאַרשטאָפּן, — אָפּשפּרעכן.
נעם איך יויקען — — :
קיין פעפערל, קיין קנאָבל, —
און קיין נעגעלע וועט נישט העלפן.
לעמבעריק, צו א דאָקטאָר קיין לעמבעריק.
דעם צאָן, געוואלד ארויסשלעפּן אין לעמבעריק.

די מאַמע ציטערט, יאָגט און ברעכט די פינגער.
„איציק, סקינד איז פארבאי, בלייך ווי קאַלך,
זאָל מע אנטלויפן קיין לעמבעריק.
איז די מאַמע געשטאַנען אויף דער קאַלטער ערד
אַ באָרוועסע, א גאַנצע נאַכט און געהיט מיין געלעגער.
בין איך איינגעשלאָפן, כאַלעמט מיר:
„איך בין א הינדעלע,
און די קוואָקע גייט נאָך טריט און טריט די הינדעלאך“...

5

איך מיטן טאַטן מיט מאזל אָנגעקומען קיין לעמבעריק,
און געזען ווי סע גייען טראַמווייען — אָן פערד.
געזען א ציינרייסער — א דאָקטאָר זענערזיב,
געזען א בליאסקעדיקע צוואנק אין ארבל באַהאַלטן.

און אז דער דאָקטאָר האלט מיין צאָן נאָך אין מויל,
אָבער שוין, מיט דער צוואַנג א געפּאַנגענעם;
האָב איך זיך פאַרהוסט, נישט געקענט שרייען,
געוואלט, וויל איך זאָגן. געוואָלט בעטן:
איך האָב אָפּגענאַרט — אָפּ—גע—נאַרט.
איך האָב נאָר געוואָלט זען —
לעקאַך שטרודלערס לעמבעריק...

יאָנטשל שמוך דער דאָרפלויפער

אז יאָנטשל איז אף דער וועלט געקומען —
האָט ער א שמוכע געטאָן,
און אזוי א גאַנצן לעבן אָפגעשמוכעוועט.
אז עמיצער האָט געשמייכלט
און נאַריש נישט דערשמייכלט;
האָבן מענטשן געווערטלט:
רישמוכעט ווי שמוך אין דאָרף.
שמוכס מוטער האָט געקויפט,
צוואנציג איילן אף א לייבצעדעקל,
פערציג איילן אף א פאלבאנעהעמד — —
— — פאר יאָנטשלס וועגן....

יאָנטשל שמוך שעמט אין שטאָט,
און באַ די גויעם אין דאָרף
דער קופּיעץ דער בעסטער.
נישט איין מאַמע זיפצט און זאָגט:
אָן דער אַלמאָנע ייטע פּערעלסשאָדן —
אף אלע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן...

ייטע פּערעלס די אַלמאָנע
האָט געקינדלט — אַכט,
איז פאר זיבן — געבליבן;
איינער, דער פּאַרנאָסע געבער,
הייסן, הייסט ער אָנטשעל שמוך,
און צו די גויעם שווערט ער:
„זשעבי גאַלעך זדוך".

Ʒ

פיר אזייגער, א פינצטערניש — אינדערפרי,
שלעפּט שמוך ארויף די שטיוול בא די לעפּלאַך,

גלאַנצט זיי אויס מיט שמעקעדיקן דזשעגאַכץ.
אָפּגעמאָלן דאָס דאַוונען מיט די ציין,
— אין האַנט אַריין אַ פּאַלקע —
און גענומען שפּאַנען אין דאָרף אַריין...

3

שוין טעג און יאָרן טאַפּט אויס דעם דאָזיקן וועג
יאַנטשל שמוך דער דאָרפלויפער.
און פאַרמאַכט ער די אויגן אפילו,
און שלאָפט ער איין אַזוי אפילו,
פירן די פיס נישט אַראָפּ פון וועג;
פון קומאַרנע ביז קיין סוסולאָוו אין דאָרף אריין.
אינמיטן וועג כעזשבענט ער:
„וועט שמוך טרעפן בא מיכיילען א האָן?
וועט זיין אַ האָן.
וועט שמוך טרעפן אַן אינדיק?
וועט זיין אַן אינדיק.
וועט די נייע יאַלעווקע זיך שוין האָבן געקאַלבט?
אויב אַ קעלבל?
וועט זיין אַ קעלבל.
אויב א ביקל?
וועט זיין א ביקל.
און אז אביסל ליאָן?
א קאַפּעלע רעטשקע,
קאַשע, הירש, באָבעלאַך?
אַ פּערטעלע בולבעס?
וועט זיין פון גאָט אליין.
אין דאָרף איבער די פּאָדוואָרעס לויפן שקאָצים און שיקסלאַך

רייסן שמוכן בא דער פֿאָלע פֿון דער שיבקע,
און יאָנטשל שמוך — שמוכעט,
און דאָס קליינוואַרק לאַכט פֿון יאָנטשלס שטילן געלעכטערל.
גיבן די באַכאַרעס צוויי פּריש געלייגטע אייער
פֿאַר גאַנצע זיסע ווערפֿל צוקער — צוויי.
די זאָכערילס מאַמעס פֿרייען זיך פֿידבאָקעס,
וואָס די דעטענעס דרייען זיך אָן מוירע
ארום דעם כיטרע זשידעק מאַשקע.

4

ארומגעשלייערט, איינגעדונגען, אויסגעדונגען
געשוואוירן זיך אַ טאָג אַ גאַנצן;
זיך און יענעם געשאָלטן אַף וואָס די וועלט שטייט.
צישן מינכע־מיירעוו, צו נאַכט צעצו,
ווען אַלע בעהיימעס ריטשן שוין אין שטאַל,
די הענער רוען אַף די באַנטעס.
און די זשאַבעס אין פֿאָטעק אין גרינעם זינגען:
קוואַ—קוואַ—קוואַ, טיקעט ווי אַ זייגער.
און מיט דעם פּייפֿערל אין מויל
רייט שוין נאַניטש דער פּאַסטאָך מיט די פֿערד.
סע ציט זיך, סע ציט אזא וויינענדיקער קוויטש
איבערן גאַנצן וואַלד — איבער דער בלאָניע.
אַצינד גייט שמוך אין קרעטשמע אריין,
דער קרעטשמער לענט צו די ברום פֿון איינפֿורטויער,
וואַרפֿט אַרויס דאָס לעצטע איבערבלייבענעש, —
דער אַלטער האָמען אַ טויט שיקערער בעט זיך:
פֿאַניע ווערענדאו — נאָך אַ קרענק בראָנפֿן,
ביהמע, מאָשקו — די צונג צו באַנעצן.
וואַרט פֿאַר שמוכן דער לאַנגער שטרויזאַק פֿאַרן אויוון,
שמעקט דער רייאַך פֿון נאַר וואָס געקאָסעטן גראָז.
דרייט יאָנטשל זיך אין קרעטשמע מיט שטומער מוירע —
פֿאַר דעם טייטלען פֿונם שאָטן אַפֿן וואַנט.

אכצן

און אַז ער ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן, —
דרימלענדיק מורמלען ציטעריק די ליפּן:
„פרייטיק — אַהיים בעשאָלעם.
שאַבעס — צו דער מאַמען אַף שאַבעס.
מאָרגן — מאָרגן אייער נישט קיין זביקעס,
מאָרגן פאַר א קאַוואַלעטשעק צוקרוו ווידער.

5

א פּלאַמפּלעצל מיט פּוטער א באַשמירטס.
א ווארעם באָבעלע אין בעט אונטערן קושן
אין דער היים יעדן פרייטיק א נאָווינע איז אָנגעגרייט,
ייטע פּערעלע די אַלמאָנע קומט אַנטקעגן:
„סקאָצלקומט מיין זון, כוויל דערלעבן —
אזוי לאַנג די אויגן זענען אָפן,
קיינעהאָרע שוין אָפּגעשטאַנען די קלאַסן —
וועטן שפּאָרן גרייטן גרעיט צו דיין כופּע,
וועט די שוואַטשקע נעמען די מאָס
דיר פאַר א העמד און אַ לייבצעדעקל אַף פּייסאך.

זאָגט בראָכע שלוימע סוסולאָווערס די שוואַטשקעמיידל
און רעכנט אַף די פינגער:
וועט איר געבן געלד, וועט זיין אויסצעקומען;
„צוואַנציג איילן ניי־דין־וועב,
פאַר א לייבצערדעקל.
אַף אַ העמד מיט אַ פּאַלבאַנע —
פערציג איילן ניי־דין־וועב“...

יאָנטשל שמובעט, רויטלט — ער רעדט מיט אַ מיידל.
„כבאַשטיי פרייליין בראָכע“.

ניינצן

דערמאנט, כאַפּט זיך יאָטנשל באַ אַ פּייע,
שטייטש — רהאָט נאָך נישט געדאווּנט היינט,
אוועק פון דאָרף איז געווען בלאָ אין דרויסן,
שמוכעט יאָנטשל און לויפט די הענט זיך וואַשן...

פריידטרערן גיסן זיך פון דער אלמאָנעם אויגן,
„צוואַציג איילן?
וועט זיין פאַר אכט לייבצעדעקלאַך.
פערציג איילן?
וועט זיין פאַר אכט יעסוימים העמדער מיט פאַלבאַנעס.
הייליקער גאָטעניו, א דאַנק דיר און א לויב דיר...

יאָנטשל שמוך דער קופּיעץ, דער בעסטער,
ציילט אוים דרייסיג קלינגענדיגע זילבער —
פאַר איין לייבצעדעקל,
פאַר איין פאַלבאַנע העמד.
צוואַנציג איילן — — — —
פערציג איילן ניי־דין־וועב.
און יאָנטשל שמוך — שמוכעט
אזוי ווי שמוך אין דאָרף...

סאָשע די נייצייטונג

טויזנט מאָל האָט זיך די טיר אויף און צוגעמאַכט,
צענטויזנט מאָל האָט סאָשע די נייצייטונג —
די פישיויך אַפּן דריפּים אָנגענעפּט.

גיט סאָשע צעווישן די שכיינעם
וואָס סע קאָכט זיך באַ יעדן אין טעפּל,
אַז זי רעדט, —
בייסט זי א ווייניקן עפּל;
סהאַרץ צו דערכאַפּן...

באָרוך בענעדיקט

איז א ברייטביינערדיגער יינגל געווען —
גאָט און לייט האָבן אים מעקאַנע געווען.
האָט ער געמאָלן בילדער און פילאָזאָפירט —
ביז ראַיז פון זינען געוואָרן געריר.

האָט בענעדיקט נישט געגעסן, נישט געטרונקען — איינגעקווארט,
געקלערט און דערקלערט אַ פּאַטענט פאַר אייביק לעבן.
האָט פראַנץ יאָזעף דער קייזער דאָס אויסגענאַרט
און זיך געזונט און אשירעס געלאָזט אויסוועבן.

האָט בענעדיקט דעם קייזער אַף פּאַפּיר אויסגעמאָלן,
און שפּרעכט צו אים אין אַ בייזן — ביטערן טאָן:
פאַרן פּאַטענט, קייזערוניע, מוזן זי מיר באַצאָלן,
בלויז, בלויז — הונדערט טריליאָן.

בענעדיקט רעדט אויך די שפּראַך פון די שטערן;
זייער אונטערגיין, זייער אויפגייז — און ווערן:
לעוואָנע און שטערן — איך טו אייך בעשווערן,
דער קייזער זאָל מיר מיין אַשירעס אומקערן.

באַם בעסמעדרעש־אויוון, אין שולהויף באַם טויער —
רייסט זיינע קליידער און רעדט ער מיט טרויער:
זאָל כאָטש יעדער בינעזער איין גולדן מיר געבן;
וועלן פירהונדערט מיליאָן זיך וואַלגערן דאַנעבן.

2

אפן ראַטהויז־בוידעם פון אַ קרירע, א קעלט,
איז באַרוך בענעדיקט אוועק פון דער וועלט. —
מיטן פּענזל אין האַנט און דעם קייזער דאַנעבן
און מיטן פּאַטענט פון אייביקן לעבן...

צווי און צוואַנציק

פון קומאַרנאָ קיין סאַנדאָווא־ווישניע

ווייל סאַנדאָווע ווישניע האָפט אויסגעלייזט צו ווערן,
גייען ארום באַלבאַטישע טעכטער אויסגעפוצטע
פון טיר צו טיר מיט פאַטשיילעס אין די הענט.

2

גייט ארום באַ אונז אין קומאַרנע דער כאָסן,
— — — אַלטערטשע דער בייגלטרעגער — — — —
נישט קיין איבערגעטאָנענער פון די לאַכעס,
ווי ער פארהיקעט, ווי ער רעדט:
כככ־אָ־פּ א־ררר־אָ־טט־ע אפן מממ־עקק־־א־ד.

האָבן כעוורע יונגען דערשנאַפּט און באַגעוואַלט
אלטערטשען אויסגעטסטראָיעט אין שאַבעסדיקן אנצוג;
געבונדן א פוס צו א פוס און אַ האַנט,
אריינגעטלומעט אין פעליפעשיק אריין
און היידא הינזא...

3

באַ דעם פאַרזעניש, בריינע יאָנטשלס, די קאַלע.
קינד און קייט, יאָנטעוודיק, אפן הייליקן — אָרט —
אין סאַנדאָווע ווישניע שפּילן קלעזמער די דאָברידזשע,
און אַ שטאָט האָפט אויסגעלייזט צו ווערן.
אַ שטאָט האָפט דער אונטערגאַנג זאָל זיך שטילן...

4

כעוורע יונגען שניידן די פערד אָן ראַכמאָנעס,
די דראָבענעם טראשטשען.

דער פּעליפּעשיק וויל אַף אַן אָרט נישט איינליגן,
דער פּעליפּעשיק שפּרינגט פון זיין אייגענער הויט ארויס.

מקומט אזוי מיט שוויים און שטויב אין שטאָט אריין,
קיין סאַנדאָווע ווישניע אריין —
איז די פרייד פאַרשטערט געוואָרן,
איז די כאַסענע פאַרשעמט געוואָרן.

און ער ,דער כאָסן אַלטערטשע דער בייגלטרעגער,
האָט זיך נאָך אין האַלבן וועג פון פּעליפּעשיק
אַראָפּגעגליטשט, אין א ראָאָוו אריין פאַרקאַלערט;
פוס צע פוס און האַנט א געבונדענער,
אין שאַבעסדיקן אנצוג אַן אויסגעסטראָיעטער...

עלמענאַכעם

אַז עלמענאַכעמען דעם מעלאַמעד איז איינגעפאַלן
נעמען, גיין קויפן אַ טעלעצע פאַר הויזגעזונד,
האָט זיך די טעלעצע איינגעשפּאַרט,
מיטן קאָפּ אַראָפּ,
אַ פוס פונם אָרט נישט גערירט.
איז עלמענאַכעם געווען באַם ריינעם סייכל —
איר, אין אויער אַריינגעראָמט:
„אָרעמע טעלעצע נעבעך,
נישט שעכטן נישט פּאַרכטן,
נישט כאָלילע מיט מיין האַנט,
כוועל דיך אויפפּלעקען
מיט מילעך קייניינעהאָרע, אַזאַ הויזגעזונט".
וועסטו, אַ פּערוויסקע, שפּייזן מיינע ברעקעלעך
איז די טעלעצע אַן אַנדערע געוואָרן,
איר קאָפּ פון דער ערד אויפגעהויבן
נאָכן שטריק אין דער האַנט צו גיין.

2

פלעגט קומען די קראַסע יאַלעווקע פאַרן פענצטער
פון דער פּאַשע גייענדיק און רופן:
— „ע־ל־מ־נ־אַ־אַ־כ־עם...
האָט ער דער מעלאַמעד אָנגעקוואָלן:
„ידע שור קונהו"

3

אַז די קראַסע יאַלעווקע האָט זיך אָנגעבלאָזן,
קומט מענאַכעם ווי אַ פּאַרסאַמטער צעלויפן —
מיט אַ לאַמטערן אין דער כווישעבדיקער פּיטצטערניש,

די ברייטע באָרד צעבאָרשט די פּייעס צעפּלאָשעט,
קנעטן די שטיוול און כליאָפּן אין די סלאָטעס
די יאַרמילקע אפן קאָפּ נאָר אראָפּצוגליטשן.

ציט עלמענאַכעס דעם שטריק, די יאַלעווקע,
ער סאַפּעט און ער בעט זיך:
— „העי, לויף כאַדאָבע, כאַדאָבע.
ווערט די קראַסע יאַלעווקע איינגעגרעזנעט,
אן אָנגעבלאָזענער בויך וואזשעט די פּיס אריבער
פּאַלייגט מיטן קאָפּ, פּאָכעט מיט דער מיסע,
א פּוס פּונם אָרט נישט צע רירן.

עלמענאַכעמען אין דער מאַכשאָווע עגבערט:
— :דער אייבערשטער זאָל זיך מעראַכעם זיין,
באַשעפער, — זאָלסט נישט קענען צוזען
דעם צאַר פון אַ שטומער באַשעפעניש,
וואָס ווייסט נישט, וואָס קען נישט
זיינע, — זיין ליבנאָמענס דראָכים.

עלמענאַכעם האָט אפילע נישט געוואוסט, —
אז ער טוט זיין ליבנאָמענס נאָמען דערמאנען,
אז זיין קאָפּ איז הויל און אָן אַ צודעק...

רעב שמועל כליפער

רעב שמועל כליפער איז א כלאָפּ, א פרומער ייד,
די ברייטע באָרט שלאָגט אָן ביזן נאָפּל.
און דעם גאָפּל — —
איינגעשטעקט אין טעלער פלייש...

ווערט טיר און טויער א גאַנצן טאָג נישט צוגעלענט;
גויעם ברענגען הינער, גענץ און אייער פאַר פּראָצענט.
ברענגט קריק א ייד א גמילעס כעסעדל נאָכן מאַרקטאָג,
בולבעס און ווייץ — א פולער שפּייכלער,
און די קרומע כאַיליבע די אַלטע
מיטן שטערנטיכל איינגעבינדן אין א רויטער פאַטשיילקע
בעט זיך:
„קן" רייניש לע—לע—לאיען,
פאַר אן איניקל, פאַר נאדן נאָכצוגעבן...

זיצט רעב שמועל כליפער מיט דער ווייסער באָרד
איבער אן ערדענעם טעלער פלייש.
וואַשט זיך און בענטשט, מאָדליעט זיך און קרעכצט:
„יידן האָבן נאָך נישט קיין מאַצעס אף פּייסאַך,
און די קינדער גייען נישט אין טאַטנס וועגן...

זיבן און צוואַנציק

לייווע לעמאַך דער באַרימער

לאַטעט שיך — אַ לאַטע אַף אַ לאַטע,
אוי ווײ טאַטי — — —
גרויסער אין הימל, דעבאַרעמדיקער;
כזאַל נישט האָבן געזינדעקט מיט די רייד,
זיצט ער אַפּן בענקל באַ זיך אין דער כאַטע
שפּילט ער אַף אַ סטרונע, שפּילט און דערציילט:

„געוועזן אַמאָל זענען צייטן —
גאָלדענע צייטן.
סאיז געלד אַזויפיל, —
די שטוב איז מיט גאָלד,
מיט צענערלאַך אויסגעקלעבט געוועזן.
גערעדט האָט ער דעמילט —
בלויז די דאָקטאָרשפּראַך — לאַטיין;
געוואָרן איז ער אין דעם פּאַלאַץ
פון פופציק דינער — באַדינט נאָר אַליין.

נייט לייווע לעמאַך אַ לאַטע אַף אַ לאַטע,
און שעלט די וועלט, די היינטיקע: —
אין טאַטענסטאַטע.

פּיוועלע דער קעמלשפּילער

פּאַרוואָס זאָל די וועלט נישט וויסן
אַז אין אַ שטעטל ערגעץ אין קומאַרנע,
לעבט פּיוועלע קאָזיק מיטן געלזוכט פּאָנעם
און לאַטעט שיך באַ זיין טאַטנס וואַרסטעט —
אונטער אַ צעלעכערטן באַלטן — אַ ווילגאָטנע צענעצטן.

אַרבעט מע אַ גאַנצע וואָך, קומט שאַבעס.
שאַבעס גייען באַהאַרצטע מענטשן פאַר פּיוועלעס וועגן;
פאַר פאַרקוואַרטע שטיקלעך ברויט צו בעטלען.

פּאַרוואָסזשע זאָל די וועלט נישט וויסן?
אַז פּיוועלע גייט מיטן נאַקעטן אין דרויסן.
אפילע ווינטער אין די ביטערע קעלטן —
— קיין גאַנצע שיך נישט אַף די פּיס...

טאַקע זאָל די וועלט שוין וויסן —
פּיוועלע האָט אַ כאַיעס הערן קלעזמער שפּילן.
מעג די וועלט וויסן:
פּיוועלע קאָזיק דאָס לאַטניק ייִנגל
שפּילט אַף קעמל אויסטערליש געזאַנג.
שפּילט ער און שפּילט אום שאַבעס — דער שאַבעסגוי,
וועקט פון שלאָף די באַלבאַטיש־שטילע שכיינעם
אין די גרילנדיקע זיסע שטעטלדיקע זומערנעכט...

באַלאַדע פון קאַלמען איציק הענזלס

געוואַלט האָט ער זיין מיט אַלע קינדער גלייך.
אַז מוישע ביגלייזן האָט פאַר פעפע סאַרליימייערס
באַ איר פענטצטער דעם הוט אראָפגענומען;
און קאַלמען באַ זיין זייט — מיט אים,
האָט קאַלמען דעם פּלושקאַפּעליש פריער געצויגן —
קעדיי אַלע זאָלן זען:
קאַלמען איציק שניידערס גייט מיט באַלבאַטישע כאַוויירים ארום...

אַז מויניע כילמעכלם דער פאַרשייטער ראָשבאַריוינעק
האָט צוזאַמענגעשלעפּט, אויפגעשטעלט אַ כאַפּטע,
מזאַל פירן קריג מיט די באַלבאַטישע אָנשטעלערס,
האָט ער, מוינע זיך באַרימט און געמאַכט דעם אָנשטעל:
(„פריער גאָט און דאַנאָך ער וועט באַווייזן"),
יענער דאָרט — וואָס שנייד זיך פאַר אַ איסטאָקראַט.
ער וועט נאָך גיין איבערן מאַרק שפּאַצירן
געאַרעמט מיט פּייוועלע קאַזיק דעם אָפּגעשליסענעם
און מיט בערל שיקער, דעם גוטן גאַנעוו זיך כאַווערן.

האָבן אָנגעהויבן צע קומען בריוולאַך־ברענגער.
מויניע כילמעכלם האָט געסטראַשעט, האָט געשריבן:

— קאַלמען, קאַלמען איציק הענזלס שניידערס זין,
ער וועט נאָך מוזן קומען אהין.
מיר וועלן אים שלאָגן אזוי שטאַרק,
רוועט ווערן געשוואָלן אזויווי אַ באַרג.
מיר וועלן אף עם שרייען און ברימען —
אפילע אין שיהל אריין דאַווענען
וועט ער נישט טאָרן קימען...

קאַלמען, קאַלמען.
וואָס דרייסטו זיך מיטן באַלבאַטישן מין?
אַז אַליין ביסטו גאָר אַ פּראָסטער, אַ שניידערס אַ זין.

דרייסיק

כאַמבער לעקיש־ער

מיט א פּאלעש,
ווי קראָקוועס זאָלן זיך שפּאַלטן,
ווי סוואָלט איינגעפאלן דער באַלטן,
פּאַלט כאַמבער לעקישער
צו מײַן טאַטן אין שטוב אריין:
„שוין פאר צוויי וואָכן, צוויי,
צוויי גראַצער,
איז פּערצן טעג — וואָכן צוויי,
— פיר גראַצער.
קומט מיר, קומט מיר איר, הערט,
רעב איר,
— גראַצערפ—י—ר.

און דער טאַטע מיט אַ שמייכל ענטפערט:
— גאָט האָט געשוואוירן,
סאָל נישט ווערן פארלוירן
צעלאָזט זיך כאמבער לעקיש־ער
אין אַ טאַנץ זינגענדיק:
„ווײל עך גאָט מיט דיר ראידן,
זאָלסט מיר אלעס פארגעלטן.
מיר איז ווייניג דאָס גאַנאידן
און דרייהונדערט און צען וועלטן.

גאָלד־גיטעלע

געבוירן געוואָרן אין א הייבל איז גיטעלע גאָלד,
די פיגור אן אויסגעטאָקטע; מאַמעש — אַ פּרינצעסין.
איר מאַמע האָט זי געפּיעסטשעט און געזאָגט:
מזעט אזוינס נישט אין דעם מיילעכס גאָרטן,
מגעפינט אזוינס נישט אין דעם מיילעכס אויצער.
די אָם וואָס האָט אַמאָל זי געזייגט און געניאַנטשעט
פאַר אידישע און גויעשע באַגאָעס, —
פלעג קומען זען די פאַניענקע, גיטעלע גאָלדאָווא
און ווינטשט:
פאַניע זאָל האָבן כאַסענע,
אַ מאַן — אַ פאַן,
אַ דאָקטאָר מיט ברילן.

אַ שטובזיצערקע איז גיטעלע גאָלד.
געזעסן אין סאַליע — איבער ביכער איינגעבויגן,
געלייענט האָט זי ווערק,
שווערע ווערק, — קלאַסישע — קלאַסיקער:
היינריך היינע און שילער.
קען אַף אויסנווייניג „די גלאָקע" ווי אַ וואַסער,
און היינריק היינעס דעם יידנס טעסטאַמענט:
„עס געהט מיר שאָהן באַלד צו ענד".

און איינגעשפּאַרט צום שטאַרבן איז גיטעלע גאָלד:
אזוי ווי „דאָרנרויז" אין פאַרקישעפטן שלאָף
ווען דער גאַלאַנטער פרינץ איז געקומען,
מיט זיין קוש און שטערן זי געוועקט
און אין גלעזערנעם פּאַלאַץ זי געפירט.
אזוי, אזוי טראַכט גיטעלע גאָלד —
וועט קומען אַ פרינץ אין איר סאַליע אריין.
ווען טאָקע באַלבאַטישע טעכטער — געמידערט
האָבן שפּאַצירט אָפן קאָרזאָ און געפיינט זיך
אין די מענטל מיט די פערלמוטער קנעפּ.

צווישן און דרייסיק

שאַדכאָנעם שלאָגן אָפּ די שוועלן,
און איר מאַמע, די היינטיקוועלטישע,
לאָזט זיי — די שאַדכאָנים
איבער דער שוועל נישט אריבער.

זי זיצט גיטעלע מיט אַ ביכל באַם פענצטער
דער גראָער גאַס דעם קאָפּ ארויסגעשטרעקט,
אפּן הימל כמאַרעס קומען זיך צעשלעפּן.
קומען און גייען ווייט, אוועק, אהין,
ווי סע לאָזט זיך אוים, דער הימל ענדיגט.
גיטעלע גאָלד לייענט אין זיך אריין:
אויפגעראַמט מיין בעטל אזוי ציכטיק־ריין,
בענקט זיך אַלץ נאָך אביסעלע פרייד,
קומט נישט קיינער אין שטיבל צוגיין
וועלן זיך טיילן מיט מיר, מיט מיין לייד.

זעט גיטעלע כמאַרעס אין הימל,
ווי זיי קומען און ווי זיי גייען.
ווי א פור פאָרט אין מאַרק אריין,
ווי א פור פאָרט פון מאַרק ארוים.

גערירט, זי טראַכט, זי לייענט:
— וואָס בענקען אצינד נאָך אזוי ?
צוואָס די אַלע פאַרלאַנגען !
זיין וועט דער הימל קיינמאָל נישט בלוי,
גיין דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען ;
— — — — — — — — — — — —
— קיינמאָל נישט מ־ע־ר —
כאָטש סע גליווערט אין אויג אַ זידיקע טרער.
א זידיקע טרער. . .

האָט גיטעלע גאָלד אינם הייבל פאַרגעסן.
איז גיטעלע אזוי באַרן פענצטער געזעסן...

דריי און דרייסיק

מוישע נאַדיר

כגיי נאָך דיינע פּיסטריט ווי דיין אייגענער שאָטן,
און שלינג די שווינקייט פון דיינע גלידער,
און אָטעם דיינע רייד ווי אין שלאָף א מידער;
דיין וואָרט — די רייד פון מיינע לידער.

און דיין בענקען נאָך די זיבן יאָטקעס
פון שטאָט נאַראַיעוו אין סאַמע מיטן מאַרק,
טרויער איך מיט — מיט דיר, דיין טרויער
און טרינק לעכאַיעם דעם גוטן אַלטן אַרק.

רייסט זיך אָפּ בא מיר דאָס בענקען —
ווי אַ הונד וואָס רייסט זיך פון א קייט;
רייב איך אוים די אויגן, הייב אָן גערענקען —
ווערן קינדעריאָר אויפסניי צעבליט, אויפסניי באניית.

דערמאָן זיך אין דעם איינגעהויקערטן שטעטל
וואַרעשעצע דער טייך — אַרום — די גרינע פּאַשע,
„שבת שירה" פון שוועלבלאַך דאָס זינגען,
מיר קינדער טיילן זיי מילך מיט זערנעם קאַשע.

2

א שטיבל אויפן בערגל, ביימער אַרום, אַקעגן:
א טייכל א שטילס פלעג ביים שטיקער ברעגן.
און קליינע קינדערלעך — גרויסע אויך אַ סאַך —
פלעגן מיט די ווענטקעס כאַפּן פיש אין טייך.

אזוי, אזוי א גאַנצן טאָג — קימאַט אין בלויזן העמד,
די פים אינם וואַסער קיל — דעם קאָפּ פון היץ פאַרברענט,
און אַז מיר האָבן מיטאַמאָל געוואָרפן זיך אין טייך,
גייט אַ שטראָם אין וואַסער שיין, שווימט נאָך אונז גלייך.

פיר און דרייסיק

3

און אַ שטיבל אַ גאָרנישט — אַ בערגעלע ליים,
איז אויפגעשטעלט לאַנג שוין, דאָרט אין מיין היים;
דאָרט איז דאָס מיין כיידער און מיין וואקסן געווען,
דאָרט פלעג איך זיך שפילן באַ דער רינווע, באַם שטיין.

4

ווי דיין סאָרטשע, מיט די ווייסע האַנטשו,
האָטיך פאַרשעמט, ביטער, אָן ראַכמאָנעס;
האָט אויך פעפע סאָרלאַמאירם מיך און לייביטשעס,
נישט אָנגענומען אונזערע מאַטאָנעס.

איז פעפע ווי סאָרטשע אָן טאַנע־מאַנע,
אַ דערשראָקענע און ברוגעז ווייט גאָר אַנטלאָפן,
און מיר האָבן אין דער שטיל געוויינט —
אָן אומגליק סהאָט צוויי כיידער ייִנגלאך געטראָפן.

און דיין פעטער איציק, וואָס דער טאַטע האָט זיך געבעטן:
זאָלסט דיך נישט ריכטן, זאָלסט נישט גיין אין זיינע וועגן,
אזוי האָט אויך מיין פעטער שמועל גרויסע אָנגעשראָקענע אויגן.
און גאַנצע פעק פאַפאַסטע געדיכטן געטראָגן מיר אַנטקעגן...

כגיי נאָך דיינע פיסטריט ווי דיין אייגענער שאָטן,
און שלינג די שוינקייט פון דיינע גלידער,
דיין שפּיזיק וואָרט, וואָס איז הויך און שפּיציק,
דיין פליטערוואָרט, ווי אַ פערצניעריק מיידל היציק...

שמילייב

שמילייב איז געפֿאָרן קיין לעמבעריק אַ קאַלע אָנקוקן.
גנעניא, די קאַלע האָט געדינט בײַ אויפֿגעקלערטע לײַט
אין לעמבעריק.
גנעניא איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ הוט מיט אַ פֿעדער ווי אַ שוואַבקע,
ווי דער שטייגער בײַ אויפֿגעקלערטע, גייט מען אין קאַפֿעהויז
אויף באַשוי.
דער דײַטש, דער קעלנער אין שוואַרצן פֿראַק מיט דער
שטײַפֿער ברוסט
שטעלט אַוועק אויפֿן טיש אַ גלעזל קאַווע און אַ גלעזל וואַסער.

שלאָגט שמילייב זיך מיט דער דייע:

צי ס'איז דאָס גלעזל וואַסער אָפּצעשווענקען זיך די הענט?
צי ס'איז דאָס גלעזל וואַסער אויסצושווענקען זיך דאָס מויל?

ווינטער אין שאַבעסדיקן טאָג זיצט דאָס אַלטע פּאָרפֿאָלק
בײַם אויוון
און פֿאַר די אייניקלאַך דערציילט מען דעם נעס:
פֿונם גלעזל קאַווע,
פֿונם גלעזל וואַסער,
פֿונם דײַטשן קעלנער,
פֿונם שוואַרצן פֿראַק,
פֿונם הוט מיט דער פֿעדער ווי אַ שוואַבקע.

מוישע בולבעניק

מוישע בולבעניק, דעם בלינדן פּסאַכיע בילעמס קאַדעש,
האָט איינמאָל אין אַ באַנאַכטיקן שאָטן לעבן העקדעש
די שיינקייט, כאַנע מאיר־מאָטיע־מינקעס דאַטשעפּעט,
אַ מעראָכע, זי, סמיידל האָט אָנגעהויבן צו שרייען,
האָט מוישע בולבעניק זיך פֿאַרשעמט און אָפּגעטראָגן.
מוישע בולבעניק פֿלעגט זיך אַלעמאָל פֿאַרוועטן
אין זאַזול בענקאַרטס שענק מיט די באַטיאַרעס דאָרטן.
פֿלעגט מוישע ארײנשטאָפּן צוויי ברויטן מיטאַמאָל,
— אַ גאַנצן מעטער כאַזער־קישקע מיטאַמאָל,
— אַ טוץ האַרט אָפּגעקאָכטע אייער שלינגען,
— פֿינף קוואָרט אָקאָטשימער ביר אריינגיסן.

איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען אויף רעדער
מיט מוישע בולבעניק, דעם בלינדן פּסאַכיע בילעמס קאַדיש.

ווען אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט מוישע דעם בלינדן פּסאַכיעס
אויף דער גאַס אָנגעהויבן מיט בלוט צו שפּייען,
האָבן די ווייבער אים באַקרעצט:
אַזאַ יונגער בוים, דער באַשעפֿער זאָל אים מויכל זיין.
און דער בלינדער פּסאַכיע־בילעם זיין טאַטע
האָט געשאָלטן מיט אַלע קלאָלעס אין דער וועלט
און געזאָגט:
אים אַרט ניט וואָס אַ זוילעל וועסויווע וועט שטאַרבן.
ווייל אַזאַ יונג וועט אפילע די ערד אויך נישט צונעמען.

דער בודאַפּעסטער רייזענדער יאַקאָב יאַקאָבי

דער בודאַפּעסטער רייזנדער יאַקאָב יאַקאָבי
איז געזעסן אין שטוב בײַ טשאַרנע דער שניידער מיידל,
אוועקגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס.
ער האָט זיך געגווידערט, געהוידעט אויפן בענקל, געזונגען:
דיש האַבע איש עמעם ליב,
דו שיינסט ווי די גלענצנדע זאַ־נ־ע.
דו ביזט מיין וואַ־ר זים גליק,
דו שיינסט ווי די גלענצענדע זאַ־נ־ע.
דו, מיין לעבן באַגליקן ק־ע־נסט...

אַז יאַקאָב יאַקאָבי האָט גענומען אַ רענצל אין האַנט,
טשאַרנען איבערגעלאָזט אַן —
איש ק־י־ם די האַנט,
מיט אַ קאָקעטישן נייג.
זיצט טשאַרנע אין אַ רעגנדיקן טאָג אריבערגעבויגן,
זי ציט דעם ווייסן פֿאָדעם אין דער נאָדל אריין,
זי ציט די ווייסע נאָדל פון שפּיצנקלייד ארויס.
און טשאַרנע זינגט:
דיש האַבע איך עמעם ליב,
דו שיינסט ווי די גלענצנדע זאַ־נ־נע.
דרייט זיך טשאַרנעס קאָל, דין
קוקט דאָס קאָל אין האַרץ אריין,
קומט דאָס קאָל פון האַרצן ארויס.

אַז צו דער אַרבעט בײַ מייערטשע שניידער אין הויז
ברענגט טשאַרנע אַ פּאַרזיגלטן ווייסן קאָנווערט,
באַהאַלט זי אים אין ווייכן בוזעם אריין;
ווייזט זי אַ יעדן איר פרייד ארויס.
יאַקאָב יאַקאָבי שיקט בריוועלאַך מיט פּאָסט.
און די כאַווערטאָרנס האָבן מיטגעבענקט,
די כאַווערטאָרנס האָבן אויפן קאָל געזונגען:
דיש האַבע איך עמעם ליב,
דו שיינסט ווי די גלענצנדע זאַ־נ־נע.

אכט און דרייסיק

פייגעלע די אגינע

א גאַנץ גייענדיק יאָר,
פון אייווער האַיאַם — פון אַמעריקע,
פון אייזיקן — איז קיין בריוול נישטאָ.

פייגעלע הערש מעלאמעדס, דאָס יונגע שיינע ווייבל,
זיצט און הערט באַם טאַטן אין שטוב
ווי קינדערשע קעלעכלעך קלינגען:
— „און ריווקע איז געגאַנגען צו דער ברינע
— — — שעפּן וואַ — — סער“
און דער פאָטער דער מעלאַמעד שטאַרכעט מיטן עלנבויגן,
און טייטלט מיטן טייטל:
— „דריי — יאָר — אַלט — געווען —
ווען יצכאָק האָט גענומען ריווקען פאַר אַ וואַאַאַב...

אַז פּייוולשיע דער בריווטרעגער מיטן קאַשקעט
איז פאַר די פענצטער אפּירגעשפּרייזט,
האָט באַ פייגעלען, ווי באַ אַ קאַנאַריקל סהאַרץ געצאַפּלט,
און מיט אַ זיפץ האָט זי געטרעלדלט:
— „אייביק וועל איך נאָך דיר בע־ענקען.
אייביק וועל איך נאָך דיר טרויערן.
נישט אזוי בע־ענקען?
ווי אייביק וועל איך נאָך דיר טרויערן.
נישט אזוי טרויערן?
ווי אייביק וועל איך נאָך דיר בענקען. . .

א גאַנץ גייענדיג יאָר,
פון אייזיקן — פון איר מאַן, פון אייווער האַיאַם —
— — — — — איז קיין בריוול נישטאָ...

ניין און דרייסיק

ל י ש ע

גינגאָלדענער לישע, דראָביטשער שניידעריינגל —
מיטן קאַפּאַליש אױף דער זײט.
געפּאַנגען: ביסטו געװאָרן מיט אַ ליבע,
צו ציװיע קאַאַל דאָס שניידערמיידל,
צו איר רויטער סאָציאַליסטישער קראַוואַט

ווי די גינגאָלדענע זון אין שמר׳ס ראָמאַנען
וואָס האָסט שאַבעס אין וועלדל ארויסגעלייענט,
אזא גינגאָלדענע ליבע איז דיין האַרץ געוואָרן...

און ווי די ריטער וואָס קניען צום זוים פון קלייד,
אזוי האָסטו זיך געבויגן ווי א יונגע פּריטקע,
געקניט און געפאַלן פאַר ציוויעס זינגען:
— „געפינסט מיך דאָרטן — ניט מיין שאַטץ —“

אז דאָס ליבעשפּיל איז געוואָרן פארן טייוול,
האָסטו געכאַפּט א פויסט צו ציוויעס קאַכאַנעק,
און ווען זי —
פאַר וועמען דו ביסט נעכט אין קאָרטשעס געלעגן,
האָט דיך געשאָלטן אין דיינע הענט אריין;
(אױף פוסטע וועלדער זאָל עס פאלן)
האָסט דיינע הענט ווי דער אויסגעטראַכטער יעזוס,
דיין האַרצקלאַפּן דיר צוגעהאַלטן, באַהאַלטן.

גינגאָלדענער ליבהאָבער — שניידעריינגל לישע.

פערציק

נאַפּטאָלע באָטווין

י. געזונד, מײַן ערשטן רעדאַקטאָר

די מאַמע דערציילט:
אַנגסטן האָבן געשלאָגן,
פּענימער ווײַס ווי קאַלעך,
די גאַס — פון מענטשן שוואַרץ,
נאָר מזעט; —
איינס, אַזאַ קליינס,
אַ שוסטער־ייִנגל
אַ פאַרבלאָנדזשעטס;
ווי אַ געוויינטע הענדל,
זיי פירן אים,
מע פירט אים, פּאָליציי...

צעריסענע קליידער און אָן שיך,
שוסטער ייִנגל,
(אַלע שוסטער גייען באָרוועס)
ביסטו געגאַנגען איבער אַ לעבעדיק, שײַנער גאַס
צווישן אויסגעצירטע פּאַנ־נעס,
— מיט גאָטס וואָרט אײַנגעקלעמט די ציין,
מיט הימלגעשריי אויף די ליפּן
און נעקאָמע אין הענט געטראָגן.

צעריסענע קליידער און אָן שיך —
איבער לעמבעריקער גאַסן —
אַזאַ פאַרוואָגלטן פּרינץ,
אין קייזער פּאַראַד;

איין און פּערציק

מיט זעלנעריש געגלאַנצטע באַיאָנעטן.
און אונטער זיין רייטקאַרעטע
איז אויסגעפלאַסטערט —
זיין אייביקע רו,
זיין אייביק לעבן,
איינגעקלעמט די ציין.
הימלגעשריי אַף די ליפּן
און נעקאָמע אין די הענט.

פון איין מויל צום אַנדערן,
פון איין האַנט צו דער אַנדערער
שווימט אַזאַ גרויסער טייך־רייד,
זאָגן זיי:

אַז ווייל, ראיז געווען אַזוי אָדעם־נאַקעט,
ווייל רהאָט נישט געהאַט אַן אָנבייסן צע עסן,
האָט ער אין אייגענעם געבייז פאַרגעסן...

די לעבענסגעשיכטע פון טעראנען און זיין צינאָמען מירטוש.

טעראַן איז אַ שווארץ קודלאַטע הינטעלע געווען,
געקרייזלט-קודלאַטע פּייאַלעך געהאַט.
האָט טעראנדל געגעסן פון די קאָשער געמאַכטע הינדעלאַך —
די קישקעלאַך און די לונגענלעבערלאַך.
טעראנדל האָט געלעקט די קניעס און די קנעכעלאַך.
אז טעראנדל פּלעגט בילן בא דער טיר,
האָבן די מייזעלאַך זיך באַהאַלטן אין די לעכערלאַך.

טעראנדל איז אונטערגעוואַקסן, איז עלטער געוואָרן,
האָט ער אַ מענטש איבער דער שוועל נישט געלאָזט.
האָבן גוטע לייט דעם טאַטן אַן אייצע געגעבן :
זאָל מע דאָס קעלעוול ארויסטלומעצען,
זאָל דער קעלעוו גיין צו אַלדי שווארצע יאָר.
דער מישפּעט איז געפאַלן איבער קינדערשע קעפּ
ווי אַ בליץ פון הימל אַראָפּ — פון טאַטנס מויל :
„מע דאַרף דאָס קודלאַטע הינטעלע,
סע טאָקע אַ שאָד, א שאדע אַזאַ הינטעלע.
מעג א ייד דען האַלטן א הונט אין הויז ?

מישט די מאַמע זיך און גיט צו פארשטיין :
„מארענע די פּאַמעינעצע וועט עס אוועקנעמען.

מארענע די גויע האָט דאָס הינטל מיטגענומען
האָט טעראנדל געבענקט און איז געקומען צעלויפן
און געפּישטשעט אונטער דער טיר
באַנאַכט אין א כוישעכדיקער ווינטערנאַכט.
אז דער טאַטע האָט די טיר טעראנדלען געעפנט —
איז דאָס הינטל ארויפגעלאַסטשעט אין די פּיאַטעס געקושט.
האָט דער טאַטע טעראנדלען איינגענומען מיט גוטע רייד :
„די קינדער וועלן אויפשטיין אין דער פרי —
וועט זיין בא זיי א יאָנטעף אין די בעטן.

בילט טעראַנדל און לאָזט קיין עכאָד איבער דער שוועל,
און פּאַרנאָסע, פּאַרנאָסע איז בילכער ווי טויזנט הינטעלאַך.
דער קעלעוו לאָזט קיין קענטשאַפט נישט אַריינקומען.
האָבן מיר קינדער וויינענדיק מיט אייגענע הענט
טעראַנדלען — סענקעלען דעם שיקערן קאַלעכער געשאָנקען,
האָבן מיר קינדער געוויינט און זיך געבעטן:
סענקעלע שיקער ווערט סקודלאַטע הינטעלע שלאָגן
טעראַנדלען ווערט נישט גוט זיין,
טעראַנדל ווערט אהיים קומען...

מיטאַמאָל, באַנאַכט, בקען די אויגן נישט צוקלעבן,
האָפּ,
טעראַנדל גראַבלט אזוי ווי אַ מייזעלע אין טיר,
האָב איך געמאַכט אזא פריידגעוואַלט, —
אז די גאַנצע שטוב מיט צוויי ברידערלאַך
זענען באָרוועסע אין די סטענדלעך אַף דער ערד געשטאַנען.
אינדערפרי האָבן מיר טעראַנדלען אונטערגעטאָפּיעט,
אין דער באַליע פון סענקעלעס פליי אויסגעבאָדן.
ווייל סהינטעלע האָט אַ גאַנץ־גייענדיקע נאַכט
זיך געקראַצט און נישט אַן אויג צוגעמאַכט.

מיר פרואוון מיט א צוויק פון אַ לעדערן בייטשל
טעראַנדלען זיין פאַרשייטן, הינטישן מויל צו פאַרמאַכן.
סהאָט געהאָלפן ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט.
ער ווייסט, האָט דער טאַטע אַמאָל אזוי געזאָגט:
דאָס הינטל איז די קינדער איינגעבאַקן אין האַרץ,
דער טאַטע האַלט איצטער אין איין שווייגן...

2

פלעגן קומען די סעליוכעס אין שטאָט אַריין אַף יאָנטעף,
סאיז געווען מאָצע יאָמקיפּער באַנאַכט,

מהאָט אָנגעביסן, מהאָט זיך געווינטשן:
„וואָס געבעטן איז דערהערט געוואָרן,
אז וואָס געבעטן איז שוין מעקויים געוואָרן".
דער אייבערשטער איז א גוטער גאָט,
מהאָט א גאַנצן טאָג געפאַסט און געזאָגט,
האָט ער די אווירעס מויכל געווען;
דער אייבערשטער איז אַ טאַטע פאָטער...

איז געווען נאָך פון פאר יאָמקיפּער אָפּגעמאַכט,
די סעליוכעס זאָלן טעראַנען מיטנעמען,
באַנאַכט אפן וועג צישן סוסולאָוו און טיליגלאָוו —
אף די פעלדער איבערלאָזן.
אליין, איינס אליין, אינמיטן א לעוואָניקער נאַכט.

כאַפּן מיר קינדער אינדערפרי אויף פון שלאָף.
איז נישט געווען שוין וועמען —
אָנצעגיסן מילך אונטערן קאָיעץ אין טעלערל אריין.

סאיז געוואָרן אַ יעלאָלע אין דריי ווינקעלאך פון שטוב,
מיר זענען דריי ברידערלאך געווען.

דער אינגסטער, דער מעזינעק שטילט נישט:
טע—ראן, טע—ראן, טע—ראן.

3

קומט אַ טאָג, כקום און גיי און זע, —
אין דאָרף, סוסולאָוו —
פעטרי יעוואן דעם באַלגופערלס הויז,
טעראן לויפט אַקעגן פעטרי יעוואנען זיין באַלבאָס.
קומט אויך מיין מעזינעק ברודערל אָנצעלויפן —
העלף איך אים שרייען:

טע—ראַן, טער—אַן.
די צונג ארויסגעשטעלט,
מיטן אָפּענעם מויל ארויף צו דער זון
יאָגט זיך טעראַן נאָך אַ זומערפייגעלע אין לופטן.
העלף איך ווידער און רוף:
טעראַן — טעראַן — טעראַן.
שטעלט דאָס הינטל ארויס אַ פּאָר אויגן —
אַ פּאָר גרויסע וואָלעוואָקיקע אויגן.
זאָגט פּעטרי יעוואַן:
„דעם הונט האָב איך געפונען פארבלאָנזעט
צישן טיליגלאָוו און סוסולאָוו —
אין אַ אומעטיקער לעוואָנע נאַכט.
סהינטל האָט געפּישטשעט מיט אזא געיאָמער,
— אז געקענט אַ שטיין רירן.
איז באַ מיר פּאָר מיינע פענצטער, דעמילט;
אַ מירטן ביימל אויסגעדארט געוואָרן,
איז שווער געווען צו שיידן זיך —
מיט אזאַ מירטן ביימל.
סגאנצע דאָרף קאָלעם פלעגן קומען צו דעם ביימל
מירטע רייסן.
האָב איך דעם הונט אָנאָמען געגעבן „מירטוש"
— רוף איך מירטוש —
נאָך דעם גרינעם מירטע ביימל —
דאָס שיין, שווארץ קודלאטע הינטעלע...

כאַסאָרעלע

גייט קאַמע־קאַמע־הויז נאָך איר זיווּעק —
שוין זעכציק יאָר, די איינגעשרומפּענע טיקערן;
כאַסאָרעלע וויל כאַסענע האָבן,
מיט א — — — —
מוישעלע — שלוימעלע — בערעלע — שמערעלע,
אזא נאָמען, א טוירעלע.
קאַלמען — זאַלמען — טאַלמען — קאַפּאַלמען —
ווייסט זי נישט צי סאיז שיין?

— — — ניין — — — —,
קאַלמען — זאַלמען — טאַלמען — קאַפּאַלמען;
אזא נאָמען האָט אַפּילע נישט קיין בער,
און ער וואָס וועט קומען צו מיין טיר?
זאָל ער זיך נאָר באַרעכענען,
איבערלייגן — פריער...

לאזאר דער פּאָעט

דאָס רעקל איז אַלעמאָל צעקנייטשט,
די שיך זענען אַלעמאָל צעריסן,
דער קאַפּעליש — אַלעמאָל פאַרדרייט,
די פינגערנעגל אַלעמאָל צעביסן.

איז ער הונגעריק ווי א הונט,
איז ער בייז ווי א כאַיע,
סטוט אים ווײַ די טויבע וואַנט,
פאַר זיינע אויגן גייט טאָמיד א לעוואיע.

קיינער גייט נישט אין זיינע —
און ער נישט אין קיינעמס וועגן.
סאיז אים נישט קאַלט אין פראָסט,
און נישט נאַס אין א רעגן...

איז נישטאָ שוין אפילו טרייסט
ווען רקוקט צום פאָלק אראָפּ, אנידער,
און וואָס ער ווייסט:
בענקען, צאַנקען, שרייבן לידער...

— פעלדשטילקייט —
האָט זיך איינגעשניטן מיט א מעסער
די שטילקייט ארום אין פעלד.
איך — אַ העלד,
דריי זיך דאָ ארום איינער אליין;

סאיז גוט פּוסטעפּאָס ארומצעגיין.
די קו שטייט, — רירט זיך נישט דאָס גראָז,
שטיי די קו, קוקט און טראַכט —
לויפט א קליין יונג הענדעל,
— קרייעט און לאַכט...
האָט אויפגעטרייסלט די שטילקייט א הענדלס
אוי וויי, א קריי,
דורך א הענדעלעס קאָל,
— און דער אָל,
וואָס האָט אפּירגעשריגן פון וואָגנרעדער
אפן שטיין — גלאַטיקן קייזערשטראָז ;
האָט א ווינטלבלאָז סגעשריי פון דעם אָל,
באַהעפט מיט דעם הענדעלעס קאָל,
און מיט שקאָצישער ווילדקייט
ארויסגעריסן די איינגעשניטענע שטילקייט...

האָט ער נישט געוואַרט,
קומט ער מיר אָנזאָגן :
„א ליד פון שטילקייט“
א ציטערדיקער, רהאָט אויסגעטראָגן.

בינע ברען

בינע ברען דאָס שניידערמיידל,
זי האָט א גרויסן פּיסק.
און אַז איר קאָל צעהילעכט
פון אַלעסק ביז קיין ביסק,
פּאַלן אַלע שניידעריונגען
ווי אין די דיקע ראָמאַנען
פאַר איר אַף די קני,
ווי; —
קאָן מען נישט פאַלן,
טראַכטן צו זיין א באַלן,
ווען איר דעקאַלט וויים־צעבליט,
איז ווי אין גאָרטן דער צוויט∴

פופציק

לײבעלע כאַסקעלע מעלאַמעדס

יעקב גלאַטשטײנען

ערשט נעכטן איז לײבעלע כאַסקעלע מעלאַמעדס געװען
אַ באָכער באַם כאָסן,
הײנט איז לײבעלע א גאַנצער כאָסנבאָכער שוין.
האָט מען די פּאַלבאַנע אויפגעלאָזט,
און אַ שליאַרע אָנגעניײט צו לײבעלעס בעקעשע.
לײבעלע כאַסקעלע מעלאַמעדס האָט שוין א פּענמעסערל
אין װעסטלקעשענע
און איבער די װעסטלקנעפּלאַך צירט א געגילדט קײטל.
בלאָזט כאַסקעלע מעלאַמעד זײַן באָרד
און רײבט מיט דער גלאַנצבארשט זײַנע שטיװל און ער זאָגט:
„לײבעלע, עמערגײַן,
קײַן, קײַן גרײדינק א קאַלע אָנקוקן".

איבערן פּעלדװעג קײַן גרײדינק גײט דער טאַטע און דער זון.
טרעט לײבעלע דעם שטױב מיט באָרװיסע פּיס.
און די שטיװל אויפן פּלײצע אָנגעהאָנגען,
קעדײ, מ'װעט קומען אין שטאָט ארײַן,
קעדײ, מ'װעט קומען אין דער קאַלעס הויז ארײַן —
די שטיװל זאָלן גלאַנצן איבער דער קאַלעס שװעל אריבער.

דער בלינדער מעכעלע פייפלער

ווארעמט ווי א שטיפמאַמע — די זון.
דער גלאַנציקער גליטש אפן טייך איז לעכעריק געוואָרן.
דער שניי טאָפּעט — — — איינגעריכט אין בלאָטע ;
די בלאָטעסמעטענע די כאַליעוועס דעגרייכט.

פּאָרט, אָן פון סטאַציע אין באַדעקטן אָמניעוואָז
בערל פיאקערניק מיט גלאָקנגעקלאַנג אין שטאָט אריין,
איז מעכעלע פייפלער מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג ארויסגעשפּאנט,
די וויסלען הויך צום הימל א גלייז געטאָן,
האַנט און האַנט א רייב געטאָן,
אַ שפּריץ מיטן מויל־אָפּגעשפּראָכן :
פּו, פּו, פּו, שאָלעם אליכעם, קימאָרנער גאַנאָווים,
א רואך אין אייער בענקארטנס פּאַריאָריקן טאַטנעריין.

אַ שטעקן קלינגענדיקע בלעכלאַך אָנגעשלאָגן,
און א זילבערן פייפערל איניינעם צוגעבונדן.

2

באַ כאַנטשע דער שאַמעסטע, כאַיעם שאַמאָסקעס ווייב —
איז מיצווע־וואַסער צוויי קאַנען אָנגעגרייט געשטאַנען.
טירן און פענצטער זענען שוין אויפגעפּראַלט
און ססמעקט ארויס אין גאס צוגעברענטע מאַצע,
די העלפער־יונגען און מיידן מיט פארקאסעטע ארבל,
וואַלגערן גלאַטיקע מאַצעס אין אויוון אריין.

גייט אַזוי מעכעלע דער שאַמעסטעס פענצטער אריבער,
גיט אַ שפּאַר נייגעריגקייט פון די העלפערס
צום בלינדן מעכעלע פייפלער אין דרויסן ארויס.
און ווען שטעקנבלעכלעך גיט זיך א זעץ אין טריטואר

אין נאַכט מעכעלע אליין מיט בלאָטע אָפּגעפּליאַסקעט געוואָרן.
וואָס־ווען, איז אין באַקשטוב א טייגל כאָמעצדיק געוואָרן,
און דער באַלבאָס, שאָלעם גוי, דער דאָרפסייד, וואָרנט:
„אָף מיין געהיים וועט דער ראָוו אסערן דעם אויוון“
דער ראָוו זאָל לעבן, שאָלעם דער באַלבאָס וועט הייסן...

לויפט די היסערן — די שאמעסטע פון דעם קנעטבעקן אפיר,
דליבעט דאָס טייג פון די נעגל און בעט זיך:
„סמאָכט קיינער כאָלילע נישט כויזעק פון א דאָרפסייד,
כאָלילע, קיינער איז נישט אויסן.
דאָס יינגל, דער דערלאַנגער, איז נעבעך א הינקעדיקער,
וויל יעדער סשטיקל כאָמעץ אין מויל אריין פארדינען,
איז דאָס טייגל אָף דער ערד אראָפּגעפאלן...

3

טרעט אָפּ מעכעלע באַ זאזול בענקארט דעם טראקטירניק,
ווארטן פּריצים מיט די שליאַכטשיטש וואָנסעם
פאר דעם בידני, שליעפּי מעכעל.
די גלאַנציקע נייגראַצערס זשאַלעווען נישט די ליאַכעס,
זשאַלעווען נישט די ליאַכעס די זילבערנע זעקסערלעך
פאר דעם בידנעם, שליעפּי מעכעל.

א שטעקן קלינגענדיקע בלעכלאַך אָנגעשלאָגן,
און א זילבערן פּייפּערל אינאיינעם צוגעבונדן.

גיט זאזול בענקארט א צי די אקסלען,
„זאָג נאָר“ גיט זאזול מעכעלען א טאָרע:
וועמען גיסטו ערע דאָ באַ אונז אין שטאָט?
פאר וועמען דערעבערעץ, דאָ, באַ אונז אין שטאָט?

שפּיט פאַר מאַזל זיך אין האַנט אַריין,
— מעכעלע צעוועדטלט זיך:
„צאַניע פּרעסער,
רעב שמואל וועקסלער,
וואַוועלע פּטאַשעק־גאַנעוו,
עס רעבן רעב יאַנקעלע,
רעב מאירל פּערן —
דעם געכאַפּטן מיט אַ שטרוי נישט אַפן בוידעם.
און די יונגע באַ־בע...
פאַגלעט זיך מעכעלע דעם שרינט:
„וויסטיר דען פאַרוואָס?
וויסטיר דען פאַר ווען?
נעמען ווייבער נישט, זי, פאַרן קימפּעט?

וויל יונגעלייטלאַך האָבן גרויסע אויגן,
אַף דער יונגערבאָבן, גרויסע אויגן.

אַז די באַראַבעס מיט די גראָבע כאַזער־פינגער
ווישן אָפּ דעם בירשוים פון די פעטע ליפּן:
„בראַוואָ — בראַוואָ מעכעל, שליעפּי פּייפּליער,
— קנאַקט זאַזול בענקאַרט מיט אַ פינגער
און שאַרט קלינגעלד פון די רונדע טישן —,
פייפט מעכעלע אַפן פייפל נאָך העכער,
וויגט זיין גוף זיך ווי אַ שמיטשיק;

„דער זיידע מיט דעם לאָשעק,
דער טאַטע מיט דעם פערדל,
זיי ביידע — אוי, אוי, אוי, —
פאַרדינען אוי — אַזויפיל געלד —,
אַזויפיל געלד — יאָ, יאָ, יאָ...

אין שענק האָט זיך דער בליצלאָמפּ אָנגעצינדן,
די ליאַכעס מידע און קאַכאַנקעס געאָרעמט — —
שאַרן זיך פון די טישלאַך אַפיר.
מעכעלעס ווייסלען גלייסן גלייך אַרויף אין הימלאַריין...

פיר און פופציק

4

פּאַראוים דער קלינגענדיקער שטעקן
דערמאָנט קרעמער פאַר די געוועלבן ;
זיי לאָזן זיך מיט מעבלען גלייך אין שול אריין.
יונגוואַרג האָטן איצט פון כיידער צעלאָזט —
גייען זיי נאָכן קלינג,
מינכע דאַווענען אין שול אריין.

הילכט מעבלעס קאָל אין שול : „יתגדל ויתקדש“
זאָגטן יאַנגבע :
מעבלע האָט יאָרצייט אומעטום און איבעראַל. . .

5

גרויס זונטיק —
אונטערגעטונקען אין עסיג און אין האָניג,
שפּאַצירט מעבלע ווי יעדער דאָרפשייגעץ לעבן קלאַשטער,
די האָר פאַרקעמט — אָפּגעגלעט דעם שרינט.
קומט אַ דינסטיקסע (א יידישע פּאָמעניצע) באַ דער זייט
איז מעבלע נישט קלייבעריש.
שטעלט זיך מעבלע אַנידער —,
שטעלן אַלע כאַמעס זיך ארום אין אַ ראָד ;
ארום דעם בידנעם שליעפּי מעבעל —
שטייען גויעס ווי פאַרסטויפּעט
און מעבעל שפּילט זיך אפן פייפל א קראַקאָוויאַק.

6

אף דער נייער וואָך—,
איז מעבלעס אָפּשטייקוואַטיר באַ מאַירטשע דאַמענשניידער.
איידער די קלאַמקע האָט די טיר געעפנט,

האַט דער סערוואַס פון דער צונג זיך אראַפּגעגליטשט.
די מיידלאַך און די געזעלן נייגן זיך:
מעכעלע, סערוואַס מעכעלע, סערוואַס...

וועיזט מאירטשע דער מייסטער דעם לערניינגל אָן:
לערניונג מיינער, דיינע סטריגעס — זע —
ווי איינע צו דער צווייטער שרייט:
"האַלסט — !

ווייל די גאַנצע גאַס איז אָנגעלאָפן געוואָרן,
האַט בא דער טיר מאירטשע דאַס צאַלבענדל אויסגעטאָן:
„— אנדערשט נישט, פינעף נייגראַצער, פינעף גראַצער
פאַר הערן פאַר מעכעלען. פאַר הערן.

האַט באָרוך לייב דער קאָניעך א זשמעניע געלד
פון זיין גלייכער קעשענע ארויסגענומען:
„מעכעלע איז ווערט דימאַנטאַן און בריליאַנטן;
האַט באָרוך לייב קאָניעך זיך געגוידערט.
סועטשע פלאַס האַט זיך פּיטבאָקעם אנידערגעשטעלט,
דאַס שפּיצנקלייט אוועקגעטלומעט, —
סליד וואָס אוראָמטשע דער פויאל האַט פאַרפּאַסט
מיט אַ יאָמקיפּערדיקן ניגן —
האַט סוועטשע אַף איר דין קאָל אָנגעהויבן:

מעכעלע — איז אַ געבוירענער א בלינדער,
מעכעלע — שפּילט פאַר גרויסע, פאַר קינדער,
מעכעלע — שפּילט פאַר פּריצים, פאַרן קייסער,
אין מעזומען — אַ הויטשינדער ,אַ רייסער.
מעכעלע, און אז האָסט שוין געלד — אוי, פּיל!
וואָסזשע זעסטו דען דורך דיין שווארצער בריל?
מעכעלע, שפּילזשע אוים א קלאָג און א געוויין,
בעט בא גאָט — ;
זאָלסט דאָס טאָגליכט זען...

זעקס און פופציק

"יהוה, יהוה אל רחום וחנון"
אין מעבעלען מעגסט זיך דערמאנען.
דו, וואָס הלעפסט יעסוימעם און אַלמאָנעס;
אף מעבעלען ליבער גאָט האָב ראַכמאָנעס...

דאָס פייפערל האָט זיך פּלוצים ארויסגעגליטשט,
די קני האָט א טרייסל געטאָן,
צעשפרייט ביידע הענט,
האָט מעבעלע דאָס ליד סערשטע מאָל געהערט:
— — „געבוירענער א בלינדער,
— — בלי— — נ — דער...

דער זיידע מיט דעם לאָשעק,
דער טאַטע מיט דעם פערדל.
אזוי האָט מעבעלע זיך צעזיינגען
און געוואָלט אליין זיך אריבערשרייען.
ווי נישט אים האָטן דאָ געטראָפן.
האָט מעבעלע זיינע פיס צעשטעלט,
די באָקן אנגעבלאָזן,
די בלעכלאָך מיטן שטעקן הויך צעקלינגען,
און גווילעמדיק איבער יעדן אין גאַס ארויסגעשפּאַנט;
ווי נישט אים האָטן דאָ געמיינט,
ווי נישט אים האָטן דאָ געטראָפן...

האָט מעבעלע פייפלער די לופט אין האַלז אריין געפּעכעט —
ווי נעכטן א געבראָטן הינדל באַם פריינט זאזול אין טראַקטיר.

מונעניע פלאַפלער

מונעניע פלאַפלער דער מעשוגענער הונט,
אַלע אויסגעלאַסענע גאַסניונגען
מיט אים — האָבן געשלאָסן א בונט.
אין פאַליש באַם דאַווענען,
רעדט מען און מע באַרעדט;
פון גרויס און קליין.
מע פרייט זיך מיט אייגענע צאָרעס
און מע לאַכט פון אייגענעם געוויין.

כאיצאַל פּאַרטעקע דער פּאָליציימאַן

קינד און קייט, יונג און אַלט, אָרים און רייך,
ווער האָט נישט געקענט
כאַיצאַל פּאַרטעקן, דעם אַלטן קוגל שלינגער מיט די הוזאַרן וואָנסעס
וואָס האָט געקיניגט אַ קאַימעלאָן פון צוואַנציג גאַנצע יאָר
מיטן פייקל אָנגעהאָנגען,
צוויי יאַמטשענע שטעקעלעך אין די הענט
וואָס האָבן אַריינגעפּויקט אין פייקל אַריין:
באַ־מ־ט־עראַסאַ, באַ־מ־ט־עראַסאַאַ.
פלעגט דאָס שטעטל ווי אַף אַ בייז וואונדער אָנלויפן,
מיט שרעק אין די אויגן פאַר דער נייער פּסורע
ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נייע גזירע, אידן,
פּאַרטעקע כאַיצאַל גייט עס אויספויקן דאָ?
אז פּאַרטעקע האָט שוין אָפּגעטראַסקעט
און די אַרויפגעדראַפּעטע וואָנסעס אַרומגעדרייט,
האָט ער אינמיטן מאַרק אַפן בערגל מיסט זיך אַרויפגעשטעלט
און אויסגערופן:
„העי־ — פּאַנאָווי — ליודי, אי זשי־דע,
קייזער האָט געהייסן באַצאָלן פּאָדאַטעק
יאַק ניע?
ווועט אייך אַלע אַ־יי־ן שלאַק טרעפן.

רייסט כאַיצאַל דער קוגל פּרעסער באַ ייטע גאָלדע נעבעלעס
איר איינציק איבערבעטל אין אַ גיפטיקן מיטנווינטער טאָג
פאַר אינצווייען שטראָף, פאַר פּאָדאַטעק און פאַר פּאַלשער וואָג
וואָס דער אַלטער ראַשע, דער פּאָליציימאַן האָט באַ איר דאַניאָכעט.
וויינט נעבעך די אַלטע, רייסט דאָס איבערבעטל מיט געזאַלצענע
טרערן.
בענעביי, פּאַרטעקע האָט נאָך נישט געהאַט זיך אָפּגעפּאַרעט,
האָט ער שוין דערזען מיטן אייגל אונטער זעלנערישן דאַשעק:

נ״ין און פּופּציק

מינדעלע קאָזאַק האָט אויסגעגאָסן און אויפֿגעוואָרעמט פּאָמעשאַף
אין מיטנמאַרק אַריין.
האָט ער טאַקען קיין לאַנגע שיעם נישט געפּראַוועט
גלייך אַריין.
מיט דער נאַקעטער שאַבליע. אין טיש אַ באָמץ געטאָן.
און אַז סהאָט געהאַט זיך אָנגעכאַפּט די סאַזשע
באַ כאַנטשע דער שאַמעסטע דער כאַלעבעקערן אין קוימען
קומט פּאַרטעקע כאַיצאַל צעשפּרייזן מיט אַ צעטל אין האַנט.
בלישטשעט זילבערן אַ טאַבעקפּושקעלע אין שטובנשאַפּע
וואָס דער מאַן, כאַיעם שאַמעס זאָל זיין אָפּגעשיידט,
האָט נאָך פֿונם אַלטן צאַדיק באַקומען פֿאַר שאַמאָסעס;
ווערט פּאַרטעקע מרוצע ווען ער דערזעט דאָס בליאַסקענדיק.

יאָנטעף, אויפֿגעשטעלטע סוקעס לעבן די שטיבער,
סכאָך פֿון טראָסטענעס און גרינע דזשאַווערן אויסגעלייגט,
מהאָט נאָר וואָס מיטן קידעש זיך אָפּגעפּאַרטיקט.
וואַקסט אויס פּאַרטעקע ראָשע מיט אַ פּאַלעש אין סוקע אַריין:
ברענענדיקע ליאַכטאַרעס, ליכט אין סוקע?
גיב רעב שמעלקע באַלעבאָס אַ וואונק:
מען וועט זיך אויסגלייכן נאָך פּראַזדניק.

דערציילן אידן אַז פּאַרטעקע איז אַ גאַנצער שמעלקע
מיט דעם „זשאַקאָוויצער רעבע“ יאַנקעלע באַראַב,
זיין זכוס זאָל מייגן זיין איבער אַלע אַבאָרטן;
וואָס האָט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק
ערגיץ אין פּולוואַרעק צו אַ פּאָרעץ זיך אַריינגעכאַפּט,
קעדיי אַ יונגער לאָשעק זאָל זיך אין זיינע הענט אָנקלעפּן.
און אַז מברענגט דעם ברענענדיקן אָגער אין שטעטל אַריין
ווייסט שוין דער „רעבע“ אַז דאָס בעסטע ערטל אַף צו פּאַרקנייטשן,
סזאָל זיין גלאַט און קאָשער,
איז באַ פּאַרטעקע ציאַצאַל דעם פּאָליציימאַן אין שטעלכל.

2

טרעפּלעך גאַנצע — פיר,
זענען דריי צעפוילט און איינס צעבראָכן,
און אז סאיז דאָ אַ וואַנט אַ צעריטשעטע,
איז אַ פּריזבע אויך פאַראַן.
און אין שטיבל, אין כיידער בלאָנקעט אום
די רויטע קוואָקע מיט אירע הינדעלעך,
קלויבן ברעקעלעך וואָס קינדער וואַרפן אונטערן טיש.
און ס׳זיצט דער דאַרדיקער מעלאַמעד הערש פּעסאטע
און שטאָרכעט מיטן עלנבויגן די טאַלמידימלאַך:
„נאַדיר גאַנצע אַכציג שווארץ יאָר, נאַדיר"...
טייטלט הערש פּעסאטע א ניי דרייעריקן ברעקעלע:
„זע נאָר, דאָ־דאַ־רי־נטער־מיט־דעם־ווי־מאַכט?
דאָסאָוואָסאיז, זאָגזשע!
דאָ־דאַ־רינ־טער־מיט־דעם־ווי־מאַכט?
שפּרינגט דאָס ביינערנע ווייסע טייטל ווי אַ הערש
פון איין אָס צום אַנדערן:
זאָגזשע, זאָגזשע,
טייטלט ער דאָס אידישע האַרציקע געזאַנג:
נאָכאַמאָל לייענט א אינגעלע,
דאָ־דאַ־רינ־טער־מיט־דעם־ווי־מאַכט?
דאָ־ס־אָ־וואָס־אי־ז?

איז ווי אַ בייזאויג אינמיטנדרינען כאַיצאַל אריין,
און גיט אזוי א נעם די פאָרלאַדונג אין דער האַנט:
„פאַנע ראבין ווייל קענסט נישט רעדן גויעש צום פאָליציי,
זאָג איך אידיש „כאַיצאַל"
וועסטו מעגן האַלטן דיין כיידער אין דער קליינער כאַטע
פונקט ווי איצט, ווי אלעמאָל, ביז לעאוילאָם וואָעד.

און פֿאַרטעקע פּאָליציי האָט טאַקע אויסגעלערנט דעם
דאַרדיקן מעלאַמעד
מיט אַ אידישלעכן כיידער ניגן דעם טייטש פֿון כאַי־צאַל.

און אַז מיין באָבע ריפּטשע
(אין לעכטיקן גאַניידן איז זי)
איז פּלוצים אריין אין שטוב אריין
מיט אויפגעהויבענע הענט
און מיט דאַנק דעם באַשעפער:
דעם ראָשע האָט אַ שלאַג געטראָפן.
און אַז זי, די צעקנייטשטע, אַלטע אידענע
האָט גענומען מיין הענטל און גערופן:
לאָמער גיין זען דאָס פֿאַרשלעפּינג זיינס,
האָב איך אָנגעהויבן אין גאָט צו גלויבן,
אַז ער וואַרט לאַנג
און שטראָפט גיך.

איטשע ביטשע דער וואסערפירער

שרייבט קיין אַמעריקע —
אין אטשע־ביטשעס נאמען ;
דער בריוושרייבער בערעקע,
א בריוו אין גראַמען.

אַנקל האַרי —
פעטער, דו — מיין.
איך, איטשע־ביטשע,
בין עלנד ווי אַ שטיין.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן...

דער טאַטע איז אָפּגעשטאָרבן,
מיך איבערגעלאָזט מיט ליידיקע הענט,
האָט אַ גוויר מיר געליגן אױף שאַבעס ;
פיר איך איצט וואסער פאר פראָצענט.

מיט גרוים באַגערענישט טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן....

פונם וואָגן האָט צעבראָכן זיך אַ ראָד,
מיר איז שלעכט, קוים איך מיטשע ;
בין איך געוואָרן א הייצער אין באָד —
דיין שוועסטערס זון — איטשע־ביטשע.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן...

מיין ווייב דאַגייט מיר די יאָר, —
נאָר סאיז נישט קיין סעקאָנע :

דריי און זעכציק

זאָל זי אזוי לאַנג מיר יאדן
ביז זי וועט בלייבן אַן אַלמאָנע.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן.

די קינדער גייען באָרוועס,
אין דרויסן איז שוין קאַלט.
מיין עלצטע טאָכטער כליפּעט;
זי ווערט כאַלעמויד זעכצן אלט.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן.

דער כאָסן וויל דאָך נאַדן —
פונם אָנקל האַרי סגוטע וואָרט:
וועט ער פאָרן קיין אמעריקע —
אזוי רייך ווערן — דאָרט.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן.

אָנקל האַרי — פעטער, דו מיין.
איטשע דער וואסערפירער איז עלנד ווי א שטיין,
מיר איז שלעכט, איך מיטשע —
דיין שוועסטערס זון איטשע-ביטשע.

מיט גרוים באַגערעניש טו איך באַגערן —
דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן.

וואָוועלע פּטאַשעק

וואָוועלע פּטאַשעק, וואָוועלע פויגל,
איז אף יאַנקעלע גווירס בוידעם געפלויגן.
פּלאָנטערט זיך די שרעק אין וואָוועלעס טריט,
פּליט ער מיט אַ טראַסק אַראָפּ צו דער ערד.

ווײ איז וואָוועלע פּטאַשעק — פויגל, ווײ.
ראיז געבליבן ליגן מיט אַ פוס א געבראָכענעם.
האָט וואָוועלע מוירע אפילע צע קרעכצן,
קיינער זאָל כאָלילע נישט דאַשפּירן,
— וואוילעיונגען וועלן און די פּויסטן לאַכן:
וואָוועלע גאַנעוו איז אַ ביליגער כאַפּערבייגל,

וואָוועלע וועט זיך שעמען
דעם קאָפּ אין דער הויך אויפצעהייבן.
יאַנטשע באַנטשע
אפן מאַרק מיט אַ פריש קענדל מאָסט אין האַנט —
גייט אום יאַנטשע באַנטשע און רופט:
עמעסער, קאַלטער, שלונג מאָסט —
פאַר אַ האַלבן און פאַר אַ גאַנצן.

ווערט דאָס קענדל ליידיק — הויל,
קוועטשט יאַנטשע אוים א גאַנצע לימענע,
— אַ פּאָר לאַקריץ סאַכאַרין פּילן,
און אַ גאַנצן קריג וואַסער אין קענדל אריין.

וואָס אַרט יאַנטשע באַנטשען אז סע ברענט די זון
איבער אָנגעפּאָרענע פורן, אָקסן און פערד —
א פּאַרפעצטן סאַמעט קאַפּעליטש טיף איבערן שטערן;
ווייס די באָרד — איינגעהילט אין שטויב
אבי גאָט העלפט, מע לייזט, מהאָט פּאַרנאָסע.

כאַמלייב

כאַמלייבן איז די מאַמע געשטאָרבן,
האָט ער זיך נישט געקענט טרייסטן —
האָט ער בא זיך געפּוילט;
כאַמלייב גייט אַריבער אין מירל דודעס שטוב אריין
דאָס מיידל זיסל דודעס א יידיש, אַ מאַמעס א קינד.
דער ברודער וואָלקע רעדט אונטער דער נאָז:
„זיסע, אזא ביידל, אַ באַלבאַטים ביידל —
איז נישט קיין איוסברענגערן.
אַ באַלבאַטיש ביידל דעמט א ביסל זאַמד
און וואשט זיך אָפּ דאָס פּאָנים.
א באַלבאַטיש קינד איז נישט קיין אויסברענגערן.
איז זיסל דודעס וואוילגעפעלען,
געפונען כיין אין כאַמלייבלס אויגן.

די ווייבער רייסן זיך באַם פּאָנים:
„זע — גיי, ווער אויסגעריסן,
האָרעווע אויף קינדער.
באַ אים זענען געווען די „שלשים“
— גאַנצע דרייסיג יאָר — —
קלעזמער געשפּילט, א מאַרשאַלעק געפּרייפּלט,
מיט אַלע קליפּערלאַך כאַסענע געהאַט.

די מאַמע, —
די מאַמע ליגט אין דער ערד טיף פאַרקאָפּעט...

מעקס גולד

לייזער פּוסקעס דער בעוורעמאַן, דער אײדלער ייִד.

אַ יונגע קאַקעטקע ווײַבל וויל זיך אויספּיינען
איז שייטל דאַוונען — אין שול אַריין געקומען;
איז לייזער באַלד אַף די טרעפּ צום ווײַבערשן שולכעל;
אהיימגעשיקט די כציפּע, אַ פּאַטשייעלע אַפּן קאָפּ זיך נעמען.
באַם רעבן איז לייזער דאָס אייבערשטע פון שטייסל,
באַם בירגערמייסטער — די קלאַמקע פון דער טיר.

ווייסט שוין לייזער ווי צע שטעלן זיך,
צו דינגען, אָפּצעדינגען און אַרויסדינגען,
איז דאָס אַ דאַרפסייד, אַ באַלגופערל,
אָדער גאָר אַ רייכער קאַמצן — אַ שטאָטישער דרערדליגער;
שטעלט לייזער אַ ציפער, ווי אַ וואַנט אַן אייזערנע:
בלייבט נאָך דער קווירע אַ פּאָר רייניש
פאַר אַ גוטן טרינק בראַנפן צו דערוואַרעמען.
אָדער אַמאָל אַ פּאַרדינסטל —
(אַ מעס אַף קעסט) —
זאָגן קאַדעש נאָך אַ דאַרפסייד.

2

באַ לייזער פּוסקעס זון הענגען צוויטן פון דער בעקעשע,
די בעקעשע געבליאַקעוועט — קיין שמעקטאַבעק נישט
איינצעוויקלען,
מיט פאַרפעצטע עלנבויגנס און פרישע בלאָטע פּאַטעלאַפּעט.
מאָרדכע לייזערס אָנפּערט זיך אין מאַגידס קלייזל:
— ווערזשע איז טאַקע גערעכט, צי יאַפּאָנטשיק, צי רוסלאַנד?
אַף אַן אויפגעמישטער געמאָרע, דעם עלנבויגן אָנגעשפּאַרט,
איזן האַנט אַן ברענענדיק ליכט שמעלצט און טאָפּעט;
זיצט מאָרדכע אזוי פאַרגעסן, באַטל,

זיבן און זעכציק

דאָס סייפער, די בעקעשע, די פינגער — אין כיילעף איינגעטונקען.
פאַלט די האַנט צום טיש א מידע, לעשט דאָס ליכט.
דערמאנט ער זיך און גיט א זאָג:
א מילכאָמע מיט לעבעדיקע נעפאַשעס...
מגייט, מלעבט — מקלערט — אָט, מפאַלט...

די באָקסענע שטיוול און די זיידענע בעקעשע;
שוין אויך נאָר פאָר פאָר לייטנס געלעכטער.
א זאווירוכע, א קעלט,
א נעווייערע אַ הונט איצט ארויסצוטרייבן.
פאַרזאָרגט דער טאַטע דעם רעבן און דער בירגערמייסטער.
בנייבאַיים, קאַניינעהאָרע — דריי שוועסטער:
וואַקסן זיי כאָלילע אין גראָען צאָפּ אריין.

פאָרט א טאַטע — א ייד, א לערנער.
איז די וועלט דען אייביק אָט—אָ—דאָ?

3

מאָרדכע לייזער־פּוסקעס וועט איינאונצוואַנציק זיך יערן,
שאַדכאָנים פון קאָלהאַמדינעס האָבן זיך געיאָוועט.
טאָלעס און שטריימל, קעסט און געלד צום האַנדל
וועט א באַלבאַטיש הויז ווייסן: — אַזויפיל און אַזויפיל;
אז מאָרדכע וועט זיין א פרייער ייד, אָפּגעשטאַנען די קלאַסן.
האָט מאָרדכע א נישקאָשעדיקע ברייטע פּלייצעלע.
אויב ער וויל נישט פאַרגעסן אין זיינליבנאָמען,
אויב רוויל אָפּגעהיטן ווערן פון גויעשע הענט?
זאָגן גוטע מעליצעם — פריינט:
„אויב זאָ איינער וויל?
קען מען אָפּהיטן יידישקייט אין אמעריקע.
סאיז דאָ געגוג באָטיימעדראָשים אין אמעריקע.
דער רעבע רעב יאַנקעלע זאָל לעבן — זאָגט:
מע־מעג,
ארויסראַטעווען א ייד פון גויעשע הענט".

4

ארומנארום איז אַלץ אויסטערליש און פרעמד.
סאיז א לאַסט דאָס שטיקל באָרד און פּייעס,
די ערשטע נאַכט איז גוט דאָס וויגן אפן שיף,
א געשמאַקער שלאָף באַפאַלט אָנצעשפּאָרן;
ווי אין ווינטער נעכט באַם צעגליטן בייסמעדרעש אויוון.
הימל — וואַסער — שיף.
אַ הימל, שוואַרץ פאַרוואָלקענטער,
וואַסער, כוואַליע־שוימעדיק,
די שיף, קאַדראַבעס־שיקערדיק,
און גאָט זיינליבנאָמען?
איבער — איבער — איבער...

5

באַ מעקס גולד בליאַסקעט א דימעט אין קראַוואַט
ער איז טאַקע אָלרייט און גוטאָפּ אין אמעריקע.
גייט אוים מעקס מיט א לאַנדסמיידל סעידי די יענקע,
איסאַק, דעם דייטשן שניידערס אין דער אַלטער היים;
סיידים טאַטע האָט אויסגערייזט א וועלט,
קיין קומאַרנע אהיימגעקומען —
ארומגעטראָגן זיך מיט טרייפעפּאָסלם;
מיט יונגע באָכערלאַך וועגן גאָט וויקוכים געפירט.
האָבן לאַנדסלייט שוין וואָס צו רעדלען:
— „רעב לייזער פּוסקעס.
איסאַק דער דייטשער שניידער;
גייען מעכוטאָנים ווערן.
פאַרשפּאָרט מַעקס די לאַנדסלייט קאָפּדאַרעניש,
וועט מעקס א טאַטן נישט אָנטאָן אזא בושע
און שלאָגט זיך פון קאָפּ ארוים די ליבע־שמיבע געדאַנקען...

מעקס גולד פּרעסט קלאָוקס.
האָט ער אויסגעפּלעקעט אקסלען אין קלויז אזוינע —

וואָס אַ באַלבאָס פאַרליבט זיך באַם ערשטן בליק׳
מפאָרט מיט דעם אייזן אריבער שמאַטעס,
מגיט א ברום א ניגן, א לאַך, א וואָרף א וואָרט ;
באַדעקט אַ שוויס,
דאפאר א קיבעץ —
ווערט אַן אָפּפרישונג,
איין ארבעטער צום צווייטן, צום באַלבאָס.
טראָגט זיך א געלעכטער —
איבערן באַלבאָס, אריבער מאַשינען און פרעס געגליטשעריי.

מיטאָגצייט, אַלעס שטיל און איינגעשטילט.
סאַלטע יידל מיטן בערדל, דאָס פעדלערל,
האָט אין קוישל אָפּן עלנבויגן פון אַלדעסגוטס.
קויפט מעקס קנאָבל וואורשט מיט וויסן קוילעטש
סיידי די קלינערן ברענגט קאַווע אין א פאַפּירן פישקאַלע,
רעדט מען צו א שאַפּפענצטער אנטקעגן אריבער
פרייט זיך סאַנארכיסטל דאָס סלויע פרעסערל :
„מעקסעלע גולד, ביסט א בוי פון די בויעס...“

אָנגעוואַרעמט — שיקלט מעקס מיט די אויגן :
„זעסטו ברודער, וואָס סע הייסט א יוניאָן“.
הייבט ער מיט דעם פרעסאייזן אינדערהויך :
„הורא פאַר דער יוניע.
הורא פון אייב קאַהן
און פאַר אייבי קאַהנס יוניעס“.

באַ א מיטינג אין דער סאָסייעטע איז א געקריג,
א ברודער האָט אָפּגענאַרט מיטן „פילן נישטגעזונט“.
ברודער מעקס מיט א פינגער מעלדט דעם ברודער טשערמאַן :
„טשערמאַן, וויסטשערמאַן, שוועסטער און ברידער“,
טייטלט מעקס מיט א פינגער און רעדט :
„ווער ווייסט צי דער ברודער האָט געבלאָפט פרינציפּיעל ?
אונזער ברודער איז אַ האָראָפּאַשניק, א שקלאַף.

זיבעציק

לאָמיר זיך האַלטן ווי קלאַסנקעמפּער, —
ברודער אייב קאַהן דער רעדאַקטאָר
איז דער קלוגסטער קאָפּ אין גאַנץ יונייטעד סטעיטס,
די געשיכטע זאָל מען אויפשרייבן אַף אַ שטיקל פּאַפּיר,
וועט אַן אייזע געבן דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"‏ ;
וואָס צעטאָן מיט אַ ברודער נישט קיין פּרינציפּיעלער בלאָפער".
מויל און אויגן האָבן זיך געעפנט :
„פּאָרט אַ טאַטנס אַ קינד.
אַלע מיט איין קאָל הויבן די הענט :
„פאַר ברודער מעקסעס פאָרשלאַג".

6

אָפּגעשלאָסן איז געוואָרן די וועלט,
קיינער קומט נישט און קיינער פאָרט נישט.
ציט זיך די בענקעניש מיט די טעג און נעכט.
דער שלאָף איז אַ פרעמדער אַף מעקסעס געלעגער,
דערציילן די צייטונגען מיט שוואַרצע בילדער :
געקוילעט, געשענדט, לעבעדיק באַגראָבן.

קיינער קומט נישט און קיינער פאָרט נישט.
סאיז מילכאָמע אַף יענער זייט יאַם.
פון שלאָף זיך אויפגעוועקט,
געקומען איז ער שוין צעגיין —
ער, דער מאַטער, קלאָרער שיין
דורך די קליינע פענצטער זיינע.
פריער גענאַרט און זיך געשלייכט ;
שטיקלאַך אָרט אין שטוב באַזעצט
און ביז צום בעט רהאָט דערגרייכט.
און געקיצלט זיינע אויגנהייטלען,
און געשטאָכן ווי מיט קילע שפּיזלאַך.
איז מעקס אַראָפּגעשפּרונגען —
זיך געלאָזט אַרויס אין גאַס ;

פול מיט צאָרן, פול מיט האַס;
און מיט שוים אויף די ליפּן,
און מיט קאַס געקריצט די ציין.
געשריגן האָבן אפילע קינדער:
זאָל מען שלאָגן,
זאָל מען גיין...
האָבן זקיינעם צוגעבאמקעט:
„גאָט וועט העלפן,
יאָ, יאָ, יאָ;
פאר אונזער רעכט.
וועטן קעפּ און הערצער שפּאַלטן,
וועטעם זיין שוין גאָרנישט שלעכט“...
האָבן קינדער — טאַטעס
זיך אין שווערדן אָנגעגאַרט,
איז מעקס מיט זיין אין שלאַכט אוועק,
האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען —
וואָס סע הייסט:
מאָרדן, שלאַכטן לעבנס,
און שראַפּנעלן, קאַנאָנענשרעק...
זענען זיי פאָראוים געלאָפן
נאָר אַקעגן שפּיז און מענטש

און געשטאָכן און געלעכערט.
האָט מען גריבער אויסגעגראָבן
פאַר באַהעלטענישן געמאַכט;
אין דער ערד לעבעדיקערהייט.
זענען קוילן באַלד געפלויגן
איבער אַלעמענס קעפּ.
איבער אַלעמענס קעפּ.
איז אין די גריבער ארומגעפלאָסן
שטראָמען בלוט — היים טריפנדיק.

צוויי און זיבעציק

נאָר די ערד האָט דאָס בלוט
נישט אריינזאפּן געוואָלט...

זענען טעג אזוינע זומערדיקע אָנגעקומען,
און סהאָט דער רייאַך פון די פעלדער
אױף דער שטאָט זיך אָנגעטראָגן;
סטאָם אזוי אין מיטן העלן טאָג —
האָבן שווערדן נאַקעטע, פון שייד ארוים —
אין דער לופט געהודיעט.

טאָטעס זענען אין דער היים נישט געווען,
ערגיצוואו פארשטאַרטע אויסגעשטרעקט געלעגן
קעגן א פארויכערטן הימל.
און די שטאָט איז אין דער לופטן

בלויז א שטיק פון רויך געווען.
איז נאָך אַ טאָג געקומען,
פון די פעלדער האָט דער רייאַך
זיך אַלץ נאָך אזוי ארומגעטראָגן —
א בלאָנדזשענדיקער,
און פון קופּקעלאַך אש האָבן שוואַרצע פלעמלאַך רויך
אין דער לופטן צו דער הויך ארויפגעהויבן;
ווי מידע, בענקענדיק צום שלאָפנגיין —

געהויבן גענידערט און איינגעזונקען.
עפּעס מענטשעלאַך, ווי איבערגעבליבענע
זענען ווי די פלעמלאַך פייער
געהויבן און געפאלן;
פארדעם:
וואָס אויגן זענען בלינד געוואָרן קוקנדיק,
און אויערן זענען טויב געוואָרן הערנדיק.

און טעג פלעגן ווייטער זומערדיקע זיין...
דריי און זיבעציק

7

סהאָט איינגעהאלטן די לופט און געאָטעמט מיט פרייד,
די פרייד פון אַן אייגן, נאַקעט שטיקל לייב.
מעקס גולד איז אויך אַהיימגעקומען,
איז גוט, מאיז געבליבן בא הענט און פיס.

זוכט מעקס א שאַפּ זיינע הענט צו פארקויפן,
מעסט ער אלע גאַסן פון ניו יאָרק;
גרויסע, לאַנגע גאַסן,
גאַסן גאָר אָן אָן אויסלאָז;
סע גלאָצן אראָפּ די שויבן
פון די שווארצע, הויכע מויערן
און דער וואכמאַן — וואכט.
ווי מורעשקעס געדיכט;
דרייען זיך, צעשטופּן די גאַסן —
— די ארבעטזוכער...
און אז מטרעפט שוין יאָ אַ באָס?
מוז מען סמויל האלטן.
הונדערטער גייען אזוי ארום,
נישטערן ווי די מייז.

8

אין שאַפּ הילכען און הוזשען די מאַשינען,
אזוי הוזשעט און הילכט דער באָס
איצט, אף די „ברידער יוניעלייט“.
סוועט נעמען אַ סאָף,
מע קען דאָך אייביק נישט רעגירער זיין.
איז געווען אַ צאַר אין רוסלאנד, —
איז ער געוואָרן א שיינע-ריינע קאַפּאָרע.
סאיז געקומען די צייט פאַר אונז אין אמעריקע,
פאַר שלאָגן קאַפּאָרע מיט אונזערע יוניע-פירער — צאָרן.

פּיר און זיבעציק

זייט בא זייט, ארבעט דאָ אויך סאַנאַרכיסטל,
דאָס סלאָווע פּרעסערל;
גיט ער זיך אַ שטעל און פרעגט:
„זאָג נאָר מעקסעלע, גאַליציאַנערל — דו.
האָסטו אויך — ווי איך?"
פאַלט אים מעקס אין די רייד אריין:
„מע לאַכט פון אַ נעכטיקן,
פון אַ אָפּגעשלאָגענער הוישיינע".

מאַכט קוילעס דאָס אַנאַרכיסטל:
„האָסטו אויך, ווי איך,
אויסגעמאָסטן די וויעינישן פון סיבירער סטעפּעס.
הונגער סטרייקס,
טעג, נעכט פאַר נעכט —
דאָס לעבן אין דער האַנט געהאַלטן;
קעדיי די רעוואָלוציע וואָס האָט אַ פּאַרזעעניש געבוירן?"

מיטאָגצייט, אַלץ איז שטיל און אָפּגעשטעלט.
ווילן זיך אַלע צעלויפן,
שטעלט מעקס זיך אַנידער אינמיטן שאַפּ:

„כאַוויירים, כאַווערטעס, שוועסטער און ברידער!
דער גרויסער היסטאָרישער קאַמפּף.
און זיי, די אַנאַרכיסטלאַך
טייטלען אַף די פּראָגרעסיווע פירער;
אַז די לינקע זענען שולדיק
וואָס סע גיסט זיך ברודערבלוט אין די גאַסן.
ווייסט, אָבער ווייסט:
אין הונדערט־פינפנזיבעציג איסט־בראָדוויי
ווערט געשמיט קייטן פאַר די אַרבעטער.
ווייסט, אָבער ווייסט:

אַז דער אייבי קאהן, דער „פֿאָרווערטס“
בלאָזט פֿאַנאַנדער דאָס פֿייער — —
פֿון האָס און צאָרן אַנטקעגן די בראַווע יוניעלייט.
אַפּעליר איך צו די געציילטע פֿאַרפֿירטע אַרבעטער,
זאָלן זיי זיך אויסטשוכן פֿון זייער אַפּיום שלאָף
און גיין אין די וועגן פֿון לענין —
לענין איז דער גרעסטער קאָפּ אין דער גאַנצער וועלט...

זענען פּעניִמער בלאַס און מיד,
איילן זיך צו נעמען עסן און ווילן גיין.
גיט סאַנאַרכיסטל מיט זיין דאַרער האַנט
אַ טערעבעניע אין טיש:
„ברודער, יוניעלייט,
אייערע טענער רופֿן הענקער.
צו מאַרטירן יעדן דענקער.
יעדנס קאָפּ אַראָפּצושניידן;
וועלכער בייגט זיך ניט.

ווי די פֿייגל זענען אַלע זיך צעפֿלויגן,
און דאָס אַנאַרכיסטל שטייט און שוימט:
„וועלכער בייגט זיך ניט...“

9

היינט, מעקס איז עפּעס נישט מיטאַלעמען.
דאָס אייזן גליטשט זיך פֿון דער האַנט אַרויס.
אַז אַ שאָכן פֿרעגט,
טרויערט מעקס:
„באַקומען פֿון מיין היים,
אַ ביטערן בריוו פֿון מיין טאַטן.
אַן אַלטער ייד — וויל אױף די אַלטע יאָרן,
אַזאַ ייד — קיין אַמעריקע...

זעקס און זיבעציק

איך, אן איינגעטונקענער אין שוויים.
אזוי, מיט די הוילע ארבל,
א פרעסער,
א שניידער
דא אין דער גאלדענער מעדינע...

עפשער קויפן א שטיקל הייזקע,
א שטיקל פעלד ארום —
צוויי קועבלאך.
מלעבט ערלאך, פון אייגענער פראצע,
גענוג רייך געמאכט די באלעבאטים — די בלוט־זויגער

שוין דאס אנארכיסטל איז ארוים מיט לאשן:
מעקסעלע, רררעוואלוציאנער מיינער, גרויסער.
זאלסט נאר נישט ווערן א יעהודע דארטן,
ווי מיין לאנדסמאן דער ליטוואק איז געווארן.

10

אז דאס ביסל יידן האבן דערהערט,
נאך א ייד אין ווילעדזש איז געקומען וואוינען,
איז געוועז פארשטאנען:

סאיז צוגעקומען דער צענטער ייד פאר א מיניען.
קומט א קאמיטע פון ביזנעסלייט — דריי:
„סאיז נאענט די יאנטעווודיקע טעג,
די יידן האבן א סייפער אראפגעבראכט;
מיסטער גולד, פליז, ווערט א מעמבער.
ענטפערט העפלאך מעקס און גיט זיי צו פארשטיין:
„מיר קענען זיין זיך גאנץ גוטע ברידער;
מיסטער טאם, מיסטער באם, מיסטער שאם — — — —
וועל איך אבער נישט גיין אקעגן מיין איבערצייגונג.

האָט די קאָמיטע גענומען טיינען.
האָט מעקס געלאָזט זיי, וויפיל זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט,
זענען אוועק די קאָמיטע ביזנעסלייט — דריי,
מיט א בושע אין פּנים און א ווייטיק אין האַרץ...

ווי א גוטער ייד דאָס דאַווענען —
פאַרגעסט ער נישט א טשעקל צוצעשיקן
די קעמפּענדיקע ברידער,
די בראַווע לינקע קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

טעג און כאָדאָשים —
דאָס דערמאַנען פון זאַכן:
„אַט נעמט מיין האָבאונגגוטס;
סגעהערט נישט מיר, סאיז אַלעמו

איצט אָבער,
— מען קען נישט זיין אָפּגעטיילט פון מענטשן — דאָ...

רעב לייזער, מעקסעס, גרינער, אַלטער טאַטע,
איז שוין אויך אַן איינוואוינער אין ווילעדזש —
דאַרף דער אַלטער טאַטע האַלטן יאָרצייט
און אַז ספּעלט איצט צו מיניען,
וויל מעקס נישט דעם טאַטן אָקעגן רעדן;
גייט מאָרדכע מיטן טאַטן מיט מיניען דאַווענען.

באַם דאַווענען רעדט דער יעהודע מיטשל:
פּילייכט מעכט דאַך ניכט געשאַדעט
צו האַבען מיניען עוורי שאַבעס.
גענאָו א מיניען יודן זינד וויר היר אים ווילעדזש.
אַלע שעצן די געלאַסנקייט פון מיסטער מיטשלס רייד.
מיטשל טוט דאַך יידן גרויסע טויוועס:
טייקעף זאָגט ער, דער יעהודע:

אכט און זיבעציק

וואס ווירד איין אונזעריגער ניכט מאַכן —
צוליב פּאַרנאָסע?
אַכצן אויגן האָבן זיך א ווענט געטאָן:
מיסטער גולד!!??
האָט זיך מיטשל ארייגעמישט:
זעען זי מיסטער,
אָבער, איין מאָל די וואָכע — דאַווענען?
הימל — הערגאָט,
זי ווערדען זיש דאָך ניכט ענטזאגן,
מאן מוז יאָ, מאל אנקאָמען צו איין יודן — — —
מיט איין טויווע.

11

אין ווילעדזש האָטן אָנגעהויבן מורמלען:
מעקסי, מעקסי איז אָלרייט — מעקסי.
מיסטער מיטשל, דער יעהודע, גיט נאָך צו:
מעקסי איזט איין גוטער יודע,
ער ווייסט גאַנץ גענאָו,
איין אָרל דען קאָפּף צו פּערדרייען.

דאָס פּאָנעם איז פלײשיק־איבערגעלאָפן,
די ביקס אפן פּלייצע, צווישן וואלדשטעגן —
צוויי הינט מיט לאַנגע אויערן פאָראוים נישטערן,
אין יאַגט־הוט איינגעשטעקט א פּעדער,
מיסטער מעקס גולד דער פויגל־שיסער.

איז טאַקע דער ווילעדזש באַ דער גרעניץ —
גאַנוועט מען דאָ די גרעניץ,
און יידלאַך נעבעך, מאַכן א טאָלער.
שמעקט דאָס מיטן כאַלעף אפן האַלץ,

איז אַ גליק אָבער, וואָס מעקס;
פריער זיין — מעקסעס שווער, דער יעהודע
— דאַרנאָך מיסטער גולד, זיין איידעם;
זיי ווייסן וואו אַ טיר צע עפענען.

כאָטש יידן האָבן ליב אין יוויול —
מיט דער נאָז אַ דריי צע טאָן:
„אָף איסטבראָדוויי, באַ די באָלשעוויקעס
אי — פלעגט ער שיסן דאָרטן.
אָבער אקעגן מיסטער גולד וואַגט קיינער ניש
א מויל צע עפענען;
אַקעגן מיסטער גולד — דעם האָנטער,
מעקסעלע — דעם פויגל־שיסער...

אַן ציק